בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן, גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

**אִידִישׁ**

## פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח

**287**

**תשפ"ג**

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

נדפס ע״י

**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט״א
רופט:

**קול ברסלב**
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ פַאל שׁוֹין צוּזַאם, וָואס טוּ אִיךְ?..............................א

וָואס אִיז דֶער תִּיקוּן פַאר'ן פַארְגֶעסְן צוּ לֵייגְן רַבֵּינוּ תַּם'ס תְּפִלִּין? ....................ב

וִוי אַזוֹי קֶען מֶען אַרוֹיסְהֶעלְפְן דִי פַארְבִּיטֶערְטֶע פָּארְפָאלְקְ?....................ג


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער כִּיבּוּד אָב וָאֵם........................................א

אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַ טַעַם אִין אֵיידְלְקֵייט ...................................א

פְּלַאנְצְן אֱמוּנָה אוּן אוֹיפְהֵייבְן יֶעדֶעס קִינְד ...........................................ב

וֶוען מֶען קֶען זִיךְ מֶער נִישְׁט אַיינְהַאלְטְן, זָאל מֶען זִיךְ וַוייטֶער אַיינְהַאלְטְן..........ב

הָאב נִישְׁט מוֹרָא צוּ פַארְלַאנְגֶען פוּן דִי קִינְדֶער אַ שְׁטְרֶענְגֶע דִיסְצִיפְּלִין ..........ג

נָאר דֶרֶךְ אֶרֶץ הָאט בַּיי אוּנְז אַ פְּלַאץ ..................................................ג

אֶפְשָׁר קֶענְסְטוּ מִיר הֶעלְפְן בַּאצָאלְן דִי מְלַמְּדִים?.....................................ד

אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט קַיין מַאשִׁין, אָנְצוּשְׁטֶעלְן צוּ טוּן יֶעדְן טָאג דִי זֶעלְבֶּע ............ה

דַיין טֶעקְסְט מֶעסִידְזְשׁ הָאט מִיךְ זֵייעֶר אוֹיפְגֶעלֶעבְּט .....................................ה

גֶעבְּט זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן דִי גֵיפְטִיגֶע וָוארֶעם 'זִיךְ בַּאשׁוּלְדִיגְן' ............................ו

טְרַייבּ אַרוֹיס דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, דוּ וֶועסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ..........ז

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין דִי וֶועכֶנְטְלִיכֶע קוּנְטְרֵס "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה" ..........................ז

אִיךְ וִויל בּוֹיעֶן דִי קְהִילָה אִין לִיבֶּערְטִי אוֹיפְ'ן וֶועג פוּן מוֹהֲרָ"ש ....................ח

אִיךְ הָאף עֶנְק וֶועלְן מִיר וַוייטֶער הֶעלְפְן ..............................................ט

אִיךְ הָאף צוּ פּוֹעֵלְ'ן יֶעצְט פַאר דִיר אַ שִׁידוּךְ ..........................................י

מִיר ווִילְן אוּן שְׁטְרֶעבְן צוּ הָאבְן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער ........................................יא

נִישְׁטָא קַיין אִיד וָואס וִויל זִינְדִיגְן .................................. יא

צוּשִׁיקְן צוּם עָמוּד דִי וָואס דַאוְועֶנען שֵׁיין מִיט טַעַם אוּן קוֹל............יב

רֶעדְט נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם פוּן אַייעֶר עָבַר..............................יג

פְּלַאקֶער אוֹיף דִי הֶערְצֶער פוּן דִי קִינְדֶער אִין חֵדֶר מִיט סִיפּוּרֵי צַדִּיקִים ..........יד

וֶוער עֶס הָאט אֱמוּנָה, דֶער דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט יֶעדֶע זַאךְ .............. טו

דוּ קֶענְסְט תְּשׁוּבָה טוּן, בִּיסְט נָאכְנִישְׁט דֶערְנָאךְ..............................יח

אַלֶע קָאמְפְּיוּטֶערְס אִינֶעם בֵּית הַדְּפוּס זָאלְן זַיין גֶעפִּילְטֶערְט .................. יט

בִּזְכוּת רֵיינִיגְן דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ זָאל אִיךְ קֶענֶען רֵיינִיגְן נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל.......... יט

מֶען הוֹיבְּט שׁוֹין אָן זִיךְ צוּ גְרֵייטְן אוֹיפְ׳ן רֶבִּינְ׳ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה.......................כ

לָאז אָפּ דִי סְבָרוֹת אַז דוּ בִּיסְט שׁוֹין דֶערְנָאךְ, דוּ קֶענְסְט יָא תְּשׁוּבָה טוּן............ כא

פְּרוֹיעֶן וָואלְטְן גֶעדַארְפְט וֶועלְן זֵייעֶרע מֶענֶער זָאלְן קוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן ............כב

מֶען דַארְף נִישְׁט מַאכְן קַיין עֵסֶק פוּן דִי קִינְדֶערִישְׁקֵייטְן..............................כד

פְּרִישֶׁע מְקוּרָבִים דַארְפְן ווִיסְן אַז בְּרֶסְלֶב אִיז נָאר דִי סְפָרִים.......................כה

אַ כְּלַל בַּיי שָׁלוֹם בַּיִת, מְכַבֵּד זַיין יֶענֶעמְ׳ס עֶלְטֶערְן..................................כו

אוֹיבּ מֶען מַאכְט נִישְׁט קַיין בְּרָכוֹת, קוּמְט פְּחָדִים..................................כז

קוֹיפְן נָאךְ אַ בָּאס פַאר דִי שָׁאטְל אַז דִי פְּרוֹיעֶן זָאלְן קֶענֶען גֵיין אוּן קוּמֶען............כז

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַיין מִשְׁפָּחָה זָאל נִישְׁט צֶעפַאלְן ...............................כח

עֶס דַארְף זַיין אַ גוּטֶע אַטְמָאסְפֶער אִין חֵדֶר, נִישְׁט וִוי אַ פֶּעקְטָארִי.............. כט

אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ, נֶעמְט מֶען אַלֶעס אָן גְרִינְגֶער .............................. לא

שִׂמְחָה אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶע קְרֶענְק.......................................... לא

לָאז אָפּ דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים ...............................................לב

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ פַאל שׁוֹין צוּזַאם, וָואס טוּ אִיךְ?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער אַרוֹיסְצוּבְּרֶענְגֶען וָואס מַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז; אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין הָאבְּן דִי גֶעפִיל וִוי אִיךְ פַאל צוּזַאם, וִוי אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט אָנְגֵיין; אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס אִיךְ קֶען טוּן דָאס צוּ טוֹישְׁן, אוּן מַיין מַאן אוּן קִינְדֶער לַיידְן אוֹיךְ פוּן דֶעם.

אִיךְ ווִיל נָאר אַוֶועקְלוֹיפְן פוּן מַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אִיךְ ווִיל אַנְטְלוֹיפְן פוּן מִיר אַלֵיין, אִיךְ בְּלַייב אוֹיף גַאנְצֶע נֶעכְט צוּ קוּקְן מְאוּויס, אוּן דָאס שְׁטֶערְט זֵייעֶר שְׁטַארְק פַאר מַיין מַאן.

קֶען אִיךְ נָאךְ וֶוערְן צוּרִיק נָארְמַאל? וָואס קֶען אִיךְ טוּן אוֹיפְצוּהֶערְן טְרַאכְטְן פוּן מַיין פַארְגַאנְגֶענְהֵייט? אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט אָפְּצוּשְׁרַייבְּן מַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוֹיף פַּאפִּיר, אָבֶער דָאס הָאט נָאר גֶעמַאכְט עֶרְגֶער. אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט זִיךְ צוּ בַּאפְרַיינְדְן מִיט אַ חַבֶרְ'טֶע, אֶפְשָׁר וֶועט זִי מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן, אָבֶער אִיךְ שְׁפִּיר אַז עֶס טְרֶעט אַרַיין צוּפִיל אִין מַיין פְּרִיוַואטְקֵייט. וָואס קֶען אִיךְ יָא טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, ט׳ שׁוֹבָבִי״ם, כ״ג טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג

לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וואַרְפְּט אַרוֹיס דִי שָׂטָן פוּן שְׁטוּב, קוּקְט נִישְׁט קַיין מָאוִויס - וֶועט אַייךְ גְלַייךְ בֶּעסֶער וֶוערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס אִיז דֶער תִּיקוּן פַאר'ן פַארְגֶעסְן צוּ לֵייגְן רַבֵּינוּ תַּם'ס תְּפִלִּין?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ פְּרוּבִּיר אֵייבִּיג צוּ לֵייגְן רַבֵּינוּ תַּם תְּפִלִּין גְלַייךְ נָאךְ רש"י תְּפִלִּין, לֶעצְטְנְס הָאט זִיךְ אָבֶער גֶעמַאכְט עֶטְלִיכֶע מָאל וָואס אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען פּוּנְקְט אִין צַייט נָאר צוּ כַאפְּן אַ מִנְיָן אוּן דַאוֶוענֶען פַארְן לוֹיפְן צוּ דִי אַרְבֶּעט.

פָארִיגֶע וָואךְ דָאנֶערְשְׁטָאג, בִּין אִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאפְן פוּן שׁוּל מִיטְ'ן חֶשְׁבּוֹן אַז אִיךְ וֶועל לֵייגְן רַבֵּינוּ תַּם תְּפִילִּין שְׁפֶּעטֶער בַּיי מִנְחָה, לְמַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ מִיךְ דֶערְמַאנְט בַּיינַאכְט אַז אִיךְ הָאבּ פַארְגֶעסְן צוּ לֵייגְן רַבֵּינוּ תַּם תְּפִלִּין.

וָואס קֶען אִיךְ טוּן פַאר אַ תִּיקוּן? אוּן וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז עֶס זָאל מִיר וֵוייטוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, ט' שׁוֹבָבִי"ם, כ"ג טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "בַּיי מִיר אִיז אַ ווָאוּנְדֶער אַז מֶען הוֹיבְּט אָן לֵייגְן בַּיי דִי בַּר מִצְוָה תְּפִילִּין שֶׁל רַשִׁ"י, פַארְוָואס זָאל מֶען נִישְׁט אוֹיךְ לֵייגְן תְּפִילִּין דְּרַבֵּינוּ תַּם?" אוּן אַזוֹי פִירְט מֶען זִיךְ בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מֶען טוּט אָן גְלַייךְ בֵּיידֶע פָּאר תְּפִלִּין.

נֶעם זִיךְ פָאר אָנְצוּטוּן בֵּיידֶע פָּאר תְּפִילִּין אִינְאֵיינֶעם, רַשִׁ"י מִיט רַבֵּינוּ תַּם, אוּן אַז דוּ דַארְפְּסְט לוֹיפְן צוּ דִי אַרְבֶּעט - זָאלְסְטוּ אוֹיךְ אָנְטוּן רַבֵּינוּ תַּם

אִינְאֵיינֶעם, שְׁטוּפּ עֶס נִישְׁט אָפּ פַאר שְׁפֶּעטֶער; דָאס וֶועט זַיין דַיין תִּיקוּן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ פָּארְנֶעמֶען צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי תְּפִילִין אַ סְעִיף אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, מְחַבֵּר אוּן רְמָ"א; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט מֶען זָאל לֶערְנֶען הֲלָכָה מִיט תְּפִילִין דְּרַבֵּנוּ תַּם. אוֹיךְ שְׁטֵייט פוּן אֲרִיזַ"ל, אַז מֶען לֶערְנְט מִיט תְּפִילִין דְּרַבֵּנוּ תַּם - שְׁפִּירְט מֶען נָאכְדֶעם זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע לִיכְטִיגְקֵייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וִוי אַזוֹי קֶען מֶען אַרוֹיסְהֶעלְפְן דִי פַארְבִּיטֶערְטֶע פָּארְפָאלְק?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ קוּק צוּ פוּן דִי זַייט אוּן אִיךְ זֶע דִי פָּארְפָאלְק וִוי זֵיי זִיצְן בֵּיידֶע אִינְדֶערְהֵיים אַ גַאנְצֶע וָואךְ, בֵּיידֶע אַרְבֶּעטְן נִישְׁט, זֵיי גֵייעֶן מַמָּשׁ נִישְׁט אַרוֹיס פוּן טִיר פוּן הוֹיז, אוּן זֵיי זֶענֶען שְׁטַארְק דֶעפְּרֶעסְט אוּן פַארְבִּיטֶערְט.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ דָאס אִיז נֵייעֶס פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֵוייסְט פוּן דֶעם, אֶפְשָׁר קֶען מֶען שִׁיקְן אֵיינֶעם זֵיי אַרוֹיסְצוּהֶעלְפְן, זֵיי מְחַזֵּק זַיין אוּן שְׁטֶעלְן אוֹיף דִי פִּיס?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, ט' שׁוֹבָבִי"ם, כ"ג טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין נֵייעֶס, אַז דוּ קֶענְסְט אִים הֶעלְפְן - אַדְּרַבָּה וְאַדְּרַבָּה.

עֶר אוּן זִי בֵּיידֶע דַארְפְן אַסַאךְ חִיזּוּק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

### אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער כִּיבּוּד אָב וָאֵם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ו׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַּארְן קוּמֶען אִין בֵּית פֵּיגָא לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער.

לֵייגְט אַרַיין אִין זֵיי כִּיבּוּד אָב וָאֵם.

...

### אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַ טַעַם אִין אֵיידְלְקֵייט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ו׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין וֶוערְטֶער אַייךְ צוּ דַאנְקֶען פַּארְ׳ן מִיר הֶעלְפְן אִין בֵּית פֵּיגָא ווילְיַאמְסְבּוּרְג.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר וֶועט מִיר וַוייטֶער הֶעלְפְן מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ, דֶער עִיקָר בֶּעט אִיךְ אַייךְ, רֶעדְט צוּ זֵיי פוּן דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן אִידִישְׁקֵייט, לֵייגְט אַרַיין אִין זֵיי אַ טַעַם אִין אֵיידְלְקֵייט, זֵיי זָאלְן לִיבּ הָאבְּן צְנִיעוּת.

...

**פְלַאנְצְן אֱמוּנָה אוּן אוֹיפְהֵייבְּן יֶעדֶעס קִינְד**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ו' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר'ן הֶעלְפְן אִין סְקוּל.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מְחַנֵּךְ זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער בִּכְלַל, וּבִפְרַט וֶוען מֶען פְלַאנְצְט אֱמוּנָה, אוּן מֶען הֵייבְּט אוֹיף יֶעדְן קִינְד.

אִינֶעם זְכוּת פוּן אוֹיפְבּוֹיעֶן אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ נַחַת בַּיי אַייעֶרֶע קִינְדֶער, אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

...

**וֶוען מֶען קֶען זִיךְ מֶער נִישְׁט אַיינְהַאלְטְן, זָאל מֶען זִיךְ וַוייטֶער אַיינְהַאלְטְן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיְחִי, י"א טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו פוּל מִיט וֵוייטָאג.

מוֹהֲרַא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט אַ טַייטְשׁ פוּן צַדִיקִים אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מה, א): "וְלֹא יָכֹל יוֹסֵף לְהִתְאַפֵּק לְכֹל הַנִּצָּבִים עָלָיו", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט עֶר קֶען מֶער נִישְׁט, עֶס הַאלְט שׁוֹין בַּיי "וְלֹא יָכֹל", מֶען שְׁפִּירְט וִוי מֶען קֶען מֶער נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן, וָואס זָאל מֶען טוּן? "יוֹסֵף לְהִתְאַפֵּק", מֶען זָאל פַארְמֶערְן זִיךְ אַיינְצוּהַאלְטְן, דָאס אִיז דִי עֵצָה "לְכֹל הַנִּצָּבִים עָלָיו", אוֹיף אַלֶעס וָואס שְׁטֵייט אוֹיפְן מֶענְטְשׁ.

דֶערִיבֶּער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, אַז דַיין וַוייבּ שְׁרֵייט אוֹיף דִיר, זִי זִידְלְט דִיר - זָאלְסְטוּ חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, נֶעם עֶס אָן מִיט לִיבְּשַׁאפְט. אוּן אַז זִי שֵׁיידְט זִיךְ אָפּ פוּן דִיר וְכוּ', זִי וִויל נִישְׁט לֶעבְן מִיט דִיר וְכוּ', זָאלְסְטוּ גֵיין אִין פֶעלְד וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. הָאסְט דָאךְ אַ גוּטֶע וֶועלְדְל הִינְטֶער דַיין שְׁטוּבּ; גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת, שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

בְּרוּדֶער, אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט צוּרִיק שְׁרֵייעֶן, דוּ וֶועסְט פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, דוּ וֶועסְט רֶעדְן צוּ אִיר שֵׁיין - וֶועט זִי אוֹיךְ רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִיר.

...

## הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא צוּ פַארְלַאנְגֶען פוּן דִי קִינְדֶער אַ שְׁטְרֶענְגֶע דִיסְצִיפְּלִין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיְחִי, י"א טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן דִיר, אוּן פוּן דַיין אַרְבֶּעט אַלְס מְלַמֵּד.

אִיךְ וִויל דִיךְ מְחַזֵּק זַיין, זָאלְסְט נִישְׁט וֶוערְן צֶעפַאלְן. אִיךְ וֵוייס גוּט אַז דִי אַרְבֶּעט אִיז בִּיטֶער שְׁוֶוער, דָאךְ צָאלְט זִיךְ עֶס אוֹיס. וַוייל אַז דוּ וֶועסְט גוּט אַרַיינְקְלֶערְן וָואס טוּט זִיךְ אִין דִי וֶועלְט, יֶעדֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ, יֶעדֶער פְּלָאגְט זִיךְ, יֶעדֶער שְׁרֵייט 'עֶס אִיז בִּיטֶער שְׁוֶוער'; עֶס אִיז גָארְנִישְׁט שְׁוֶוערֶער פַארְ'ן מְלַמֵּד, אַדְרַבָּה, דֶער מְלַמֵּד פַארְבְּרֶענְגְט דִי טֶעג אוּן יָארְן מִיט תּוֹרָה וּתְפִלָּה, מִיט פְּלַאנְצְן אֱמוּנָה וּקְדוּשָׁה. אוֹיבְן בּוֹיט זִיךְ אִים פַּאלַאצְן, הֵיכָלוֹת דִּקְדֻשָּׁה, זַיין פְּלָאג אוּן מִי גֵייט נִישְׁט לְאִבּוּד.

זֶע עֶס זָאל זַיין אַ שְׁטַארְקֶע דֶרֶךְ אֶרֶץ, הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא צוּ פַארְלַאנְגֶען פוּן דִי קִינְדֶער אַ שְׁטְרֶענְגֶע דִיסְצִיפְּלִין; נָאר אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען מַצְלִיחַ זַיין.

רַייכֶער נִישְׁט, וָואס פֶעלְט דִיר אוֹיס דֶעם צוּגַארֶעטְל? עַל הָרִאשׁוֹנִים אָנוּ מִצְטַעֲרִין, דִי וָואס קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן מִיט זֵייעֶר אַלְטֶע גֶעוואוֹינְהֵייט - אִיז אֵיין זַאךְ, אָבֶּער וָואס דַארְפְסְטוּ יֶעצְט אָנְהוֹיבְּן דִי זַאךְ...

...

## נָאר דֶרֶךְ אֶרֶץ הָאט בַּיי אוּנְז אַ פְּלַאץ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיְחִי, י"א טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא לִיבֶּערְטִי

אִיךְ פְרֵייט זִיךְ זֵייעֶר אַז אִיר פִירְט זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ. וֶוען אִיךְ רֶעד מִיט

אַייעֶרֶע לֶערֶערִינְס אוּן דִי מְנַהֶלֶת - קוּמְט אַלְץ אַרוֹיף אַייעֶר נָאמֶען, אַז אִיר זֶענְט זֵייעֶר אֵיידְל אוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ׳דִיג. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַייךְ הֶעלְפְן מִיט אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ אוּן מִיט עֶרְלִיכֶע גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע קִינְדֶער בִּזְכוּת אַייעֶר הֶערְלִיכֶע אוֹיפְפִירוּנְג.

גֶעבְּט אִיבֶּער פַאר אַלֶע תַּלְמִידוֹת אַז נָאר דֶרֶךְ אֶרֶץ הָאט בַּיי אוּנְז אַ פְּלַאץ, נָאר דִי וָואס פִירְן זִיךְ מִיט אֵיידְלְקֵייט אוּן הַכְנָעָה זֶענֶען תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵּיגָא.

...

אֶפְשָׁר קֶענְסְטוּ מִיר הֶעלְפְן בַּאצָאלְן דִי מְלַמְדִים?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, י״א טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

מִיט יָארְן צוּרִיק פְלֶעגְסְטוּ מִיר הֶעלְפְן, מִיר פְלֶעגְן גֵיין בַּיינַאכְט צוּ גוּטֶע אִידְן וָואס הָאבְּן אַ גֶעפִיל פַאר אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת, אוּן זֵיי וִוילְן הֶעלְפְן מִיט צְדָקָה.

יֶעצְט בִּין אִיךְ זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט, וְויל אִיךְ דִיר פְרֶעגְן, אֶפְשָׁר ווִילְסְטוּ קוּמֶען מִיט מִיר קְלַאפְּן אוֹיף דִי טִיר פוּן גוּטֶע מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן אַ גֶעפִיל פַאר הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ? עֶס אִיז מִיר נִישְׁט גְרִינְג, אָבֶער הַהֶכְרֵחַ לֹא יְגֻנֶּה, יָא גְרִינְג נִישְׁט גְרִינְג - אִיךְ מוּז צָאלְן דִי מְלַמְדִים, אִיךְ קֶען נִישְׁט זִיצְן מִיט פַארְלֵייגְטֶע הֶענְט. אָדֶער הָאסְטוּ עֶפֶּעס אַנְדֶערֶע גֶעדַאנְקֶען וִוי אַזוֹי מִיר קֶענֶען אָנְפִילְן דִי לָאךְ אִין דִי מוֹסָד?

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן בִּיז אַהֶער - וֶועט מִיר וַוייטֶער הֶעלְפְן.

...

## אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט קַיין מַאשִׁין, אָנְצוּשְׁטֶעלְן צוּ טוּן יֶעדְן טָאג דִי זֶעלְבֶּע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת וַיְחִי, י"א טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן
... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע גֶעדַאנְק זִיךְ פָאַרְצוּנֶעמֶען לְכָבוֹד אַייעֶר יוֹם הוּלֶדֶת צוּ זָאגְן דֶעם "יוֹם תְּהִלִּים" יֶעדְן טָאג.

אִיר דַארְפְט נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס וֶועט זַיין אוֹיבּ אִיר וֶועט פַארְגֶעסְן וְכַדוֹמֶה, נֶעמְט זִיךְ אוֹיס צוּ טוּן דִי גוּטֶע קַבָּלָה בְּלִי נֶדֶר, אוּן אַז אִיר פַארְגֶעסְט אֵיין טָאג, אָדֶער אִיר זֶענְט פַארְנוּמֶען אוּן אִיר קוּמְט נִישְׁט אָן - אִיז גָארְנִישְׁט.

אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט קַיין מַאשִׁין, אַ מַאשִׁין קֶען מֶען אָנְשְׁטֶעלְן צוּ טוּן יֶעדְן טָאג דָאס זֶעלְבֶּע, אַ מֶענְטְשׁ פְּרוּבִּירְט צוּ טוּן דָאס בֶּעסְטֶע, אוּן אַז מֶען קֶען נִישְׁט, מֶען קוּמְט נִישְׁט אָן, אוּן דִי טָאג אִיז אַרִיבֶּער אָן דִי גוּטֶע קַבָּלָה - וֶועט מֶען פוּנְדָאסְנֵיי פְּרוּבִּירְן.

אַייעֶר טַאטֶע הָאט מִיךְ גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ מֵיידְלֶעךְ פַאסְטְן עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת; בַּיי אוּנְז פַאסְטְן דִי מֵיידְלֶעךְ יוֹם הַכִּפּוּרִים אוּן תִּשְׁעָה בְּאָב, דִי אַנְדֶערֶע תַּעֲנִיתִים פַאסְט מֶען נִישְׁט.

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ אַייךְ בֶּעטְן, זוּכְט אוֹיף צְווִישְׁן דִי מֵיידְלֶעךְ אִין אַייעֶר קְלַאס מֵיידְלֶעךְ וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין חַבֶרְ'טֶעס אוּן חַבֶרְ'ט זִיךְ מִיט זֵיי, וַוייל אַז מֶען גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף דִי צֶעבְרָאכֶענֶע הֶערְצֶער, מֶען דֶערְפְרֵיידְט זֵיי, דֶעמָאלְט צָאלְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּרִיק דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט אַסַאךְ גוּטְס.

...

## דַיין טֶעקְסְט מֶעסִידְזְשׁ הָאט מִיךְ זֵייעֶר אוֹיפְגֶעלֶעבְּט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת וַיְחִי, י"א טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן
לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

הַיינְט בִּין אִיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְרָאכְן, וָואס טוּ אִיךְ דָא... אִיךְ בִּין אַרַיין

אִין אַ פְּלָאמְפּ מִיט דִי מוֹסְדוֹת, נִישְׁטָא קַיין גֶעלְט מֶער צוּ בַּאצָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע, אוּן בָּארְגְן אִיז נִישְׁט קַיין עֵסֶק; אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַזוֹי אוֹיךְ חוֹבוֹת אִיבֶּערְן קָאפּ.

פְּלוּצְלוּנְג שִׁיקְסְטוּ מִיר אַ טֶעקְסְט מֶעסִידְזְשׁ אַז דוּ הָאסְט מְסַיֵּים גֶעוֶוען מִשְׁנָיוֹת דִי הוּנְדֶערְט פִיר אוּן זֶעכְצִיגְסְטֶע מָאל, דָאס הָאט מִיךְ זֵייעֶר אוֹיפְגֶעלֶעבְּט, יֶעצְט וֵוייס אִיךְ שׁוֹין וָואס אִיךְ טוּ דָא, יֶעצְט אִיז מִיר קְלָאר צוּ גֵיין וַוייטֶער מִיט דִי הֵיילִיגֶע מוֹסְדוֹת. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן, עֶר וֶועט מִיר וַוייטֶער מַאכְן נִיסִים.

...

גֶעבְּט זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן דִי גִיפְטִיגֶע וָוארֶעם ׳זִיךְ בַּאשׁוּלְדִיגְן׳

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, י״ח טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

נֶעמְט דִי וִויטָאמִין פַּאלִי״ק עֶסִי״ד, עֶס אִיז אַ גוּטֶע וִויטָאמִין, אוּן בַּאשׁוּלְדִיגְט זִיךְ נִישְׁט פַארְן נִישְׁט נֶעמֶען בִּיז יֶעצְט. אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מִיר דַארְפְן זִיךְ פַּארְמַאכְן דִי אוֹיגְן אוּן מוֹיל, נִישְׁט פְרֶעגְן קַיין שְׁאֵלוֹת אוּן נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין.

גֶעבְּט זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן דִי גִיפְטִיגֶע וָוארֶעם ׳זִיךְ בַּאשׁוּלְדִיגְן׳; דָאס קֶען פַארְסַמְ׳עֶן דָאס לֶעבְן. וֶוען אִיר שְׁפִּירְט אִיר כַאפְּט אַ בִּיס, אִיר הוֹיבְּט אָן טְרַאכְטְן ׳אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג׳ - זָאלְט אִיר גְלַייךְ זָאגְן: ״אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶר מַאכְט אַלֶעס, עֶר טוּט אַלֶעס״.

...

### טְרַייבּ אַרוֹיס דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, דוּ וֶועסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּב

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, י"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

וֶוען עֶס קוּמֶען אַרַיין מַחֲשָׁבוֹת אַז דוּ גֵייסְט נִישְׁט חֲתוּנָה הָאבְּן, דוּ גֵייסְט נִישְׁט טְרֶעפְן קַיין שִׁידוּךְ - זָאלְסְטוּ דָאס אַרוֹיסְטְרַייבְּן, שְׁרֵיי: "צֵא טָמֵא! גֵיי אַרוֹיס טָמֵא'נֶע מַחֲשָׁבָה!" וַוייל דִי מַחֲשָׁבוֹת זֶענֶען פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא; דוּ הָאסְט אַ שִׁידוּךְ, דוּ וֶועסְט חֲתוּנָה הָאבְּן, דוּ וֶועסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּב, דַארְפְסְט זִיךְ נָאר דֶערְהַאלְטְן אוּן אוֹיסְוַוארְטְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, מַיין הַארְצִיגֶער חַבֵר, גֵיי אָן מִיט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַיי נִישְׁט מְוַתֵּר אוֹיף דִי וִוּיכְטִיגֶע זַאכְן, גִיס אָפּ נֶעגְל וַואסֶער בַּיים בֶּעט, גֵיי אִין מִקְוֶה, טוֹבֵל זִיךְ אַ טְבִילָה פַארְ'ן רֶבִּי'ן - רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא וְתַלְמִידָיו הַקְּדוֹשִׁים, דַאוֶוען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת מִיט מִנְיָן, לֶערְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא וַהֲלָכָה, אוּן זֵיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד. זֵיי נִישְׁט מְוַתֵּר אוֹיף דִי נְקוּדוֹת.

נָאכְמָאל, אַ שִׁידוּךְ הָאט נִישְׁט מִיט אַ נָאמֶען, גֶעלְט, כָּבוֹד וְכוּ' וְכוּ'; אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

### מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע קוּנְטְרֵס "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה"

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, י"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע קוּנְטְרֵס "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה", עֶס אִיז דָא דֶערִין אַזוֹיפִיל חִיזּוּק אוּן עֵצוֹת וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן; אַ לֶעבְּן מִיט שְׁלוֹם בַּיִת, אַ לֶעבְן מִיט אַ גוּטֶע גֶעזוּנְטֶע חִינוּךְ, אַ לֶעבְן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, אוֹיךְ אִיז דָא אַסַאךְ הִתְחַזְקוּת. אַלֶעס אִיז גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" פוּן אוּנְזֶער רֶבִּי וּמַנְהִיג מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט

גֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּינְ׳ס תּוֹרוֹת אוּן דָאס אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט פַאר אוּנְז פָּשׁוּטְ׳עֶ מֶענְטְשְׁן.

אִיךְ רֶעד צוּ אִינְגֶעלַייט מְקוֹרָבִים, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אוּן אִיךְ הֶער אַז זֵיי קוּמֶען נִישְׁט אָן צוּ לֶערְנֶען דִי בְּרִיוו; אַזַא שָׁאד, מֶען אִיז שׁוֹין מְקוּרָב אוּן מֶען הַאלְט זִיךְ נִישְׁט פְּרִישׁ.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען קֶען לֵיינֶען דִי בְּרִיוו אוֹיף צְוֵויי וֶועגְן, אָדֶער צוּ וֶוערְן אַ צַדִיק, אָדֶער (דָנִיֵּאל יב, ב): "לַחֲרָפוֹת וּלְדִרְאוֹן עוֹלָם" (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן קעא). דִי וָואס לֵיינֶען דִי בְּרִיוו צוּ אוֹיסְגֶעפוּנֶען וָואס טוּט זִיךְ בַּיי דֶעם, וָואס טוּט זִיךְ בַּיי יֶענֶעם - דִי נֶעבֶּעךְ אִיז עֶנְדֶערְשׁ זֵיי זָאלְן דָאס נִישְׁט לֵיינֶען, עֶנְדֶערְשׁ זָאלְן זֵיי תְּשׁוּבָה טוּן, אָבֶּער מֶען רֶעדְט דָאךְ פוּן דֶער וָואס ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר ווִיל חִיזוּק אוּן הִתְחַדְשׁוּת; אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג צוּ לֶערְנֶען דִי בְּרִיוו, אוּן אוֹיךְ אֲשֶׁר בַּנַחַל.

אַשְׁרֵינוּ אוּן פָארְט אַשְׁרֵינוּ.

...

### אִיךְ ווִיל בּוֹיעֶן דִי קְהִילָה אִין לִיבֶּערְטִי אוֹיפְ׳ן וֶועג פוּן מוֹהֲרָא"שׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

מַאךְ נִישְׁט קַיין שְׁווִיץ בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ, וָואס פֶעלְט דִיר אוֹיס עֶס זָאל וֶוערְן אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס וֶועלְן קוּמֶען אַלֶע סָארְט מֶענְטְשְׁן וְכוּ׳? דַארְפְסְט דָאךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער.

מִישׁ נִישְׁט קַיין יוֹצְרוֹת, הָאסְט גֶעקוֹיפְט אַ הוֹיז אִין שְׁטֶעטְל - זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען דִי סִיבָּה; פַארְוָואס? פַארְוָואס בִּיסְטוּ גֶעקוּמֶען אִין שְׁטֶעטְל? צוּ הָאבְּן אַ גוּטֶע חִינוּךְ פַאר דִי קִינְדֶער; זָאלְסְטוּ הַאלְטְן דַיין שְׁטוּבּ פְּרִיוַואט אוּן נָאר בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.

טֵייעֶרֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, אִינְוֶועסְטִיר אִין דַיין שְׁטוּבּ; פַארְבְּרֶענְג מִיט

דַיין וַוייב, גֶעב אִיר גוּטֶע וֶוערְטֶער. זוּךְ נִישְׁט צוּ לוֹיפְן צוּ חֲבֵרִים, וָואס הָאט מֶען פוּן חֲבֵרִים? וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אִין אַ צָרָה - אַנְטְלוֹיפְן אַלֶע חֲבֵרִים, נָאר דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער - אוֹיבּ הָאט מֶען זִיךְ שַׁיין אוֹיפְגֶעפִירְט אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן - זַיי בְּלַייבְן מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ, זַיי הֶעלְפְן אִים.

בְּנוֹגֵעַ מַאכְן בַּיי דִיר וְכוּ'; בִּיז דֶערְוַוייל מַאךְ גָארְנִישְׁט, אִיךְ וִויל דָאס אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט דִי חַבְרֵי הַנְהָלָה. זַיי מִיר מוֹחֵל וָואס אִיךְ זָאג דִיר, וֶוען דוּ בִּיסְט מִיר גֶעקוּמֶען פְרֶעגְן אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט דָאס טוּן - הָאבּ אִיךְ פוּן אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעטְקֵייט גֶעזָאגְט יָא, שְׁפֶּעטֶער טְרַאכְט אִיךְ 'וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט יָא? אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶעשְׁטֶעלְט אַן הַנְהָלָה, דַארְף מֶען פְּרֶעגְן דִי הַנְהָלָה'.

גֶעבּ אִיבֶּער פַּאר אַלֶע וָואס קוּמֶען דָא וואוֹינֶען אִין לִיבֶּערְטִי, טוּט מִיר אַ טוֹבָה; אִיךְ זוּךְ נִישְׁט קֵיינֶעם אַיינְצוּטֵיילְן וָואס צוּ טוּן, אִיךְ מֶעג אָבֶּער בּוֹיעֶן אַ קְהִילָה פַּאר דִי וָואס ווילְן זִיךְ פִירְן אוֹיף דִי וֶועג וָואס אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גֶעוֶועוְן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ; אִיז פַארְוָואס לוֹיפְט מֶען מִיךְ נָאךְ? וָואס קוּמְט מֶען קַיין לִיבֶּערְטִי וֶוען מֶען וִויל מִיךְ אוֹיסְשְׁפִּילְן?! פוּן סִיטִי בִּיז סָאלִיוֶוען קַאוּנְטִי אִיז דָא אַזוֹיפִיל שַׁיינֶע פְּלֶעצֶער וואוּ צוּ וואוֹינֶען, וָואס לוֹיפְט מֶען מִיךְ נָאךְ?!

אִיךְ הָאף מֶען וֶועט אַלֶעס אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט דִי הַנְהָלָה.

...

### אִיךְ הָאף עֶנְק וֶועלְן מִיר וַוייטֶער הֶעלְפְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פָאר אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם הַיינְט נַאכְט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; אִיךְ מוּז שׁוֹין פָארְן, אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט אָפְּשְׁטוּפְּן, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וַוארְטְן שׁוֹין בִּכְלְיוֹן עֵינַיִם. אִיךְ הָאף צוּ זַיין אִין יַבְנְאֵל בַּיים צִיּוּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ אוּן בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי; אִיךְ וֶועל מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר דִיר אוּן דַיין מִשְׁפָּחָה.

אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ הָאבְּרָךְ ... נֵרוֹ יָאִיר, אִיךְ הָאף עֶר הָאט דִיר אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיט אִים, אִיךְ הָאף עֶנְק וֶועלְן מִיר וַוייטֶער הֶעלְפְן און נִישְׁט זַיין צוּפְרִידְן מִיט וִויפִיל מֶען טוּט, נָאר הֶעלְפְן מֶער און מֶער.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, נֶעם זִיךְ צַאם, זַיי זִיךְ מְסַדֵר. נֶעם אַפָּאר מִינוּט און שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ חַבֵר. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת ט, א): "כְּאָדָם הַמֵשִׂיחַ בְּאֹזֶן חֲבֵירוֹ", וֶוען מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן רֶעדְט מֶען אַזוֹי וִוי אֵיינֶער בֵּייגְט זִיךְ צוּ צוּ זַיין חַבֵר'ס אוֹיעֶר און זָאגְט אִים עֶפֶּעס שְׁטִילֶערְהֵייט, "וְהוּא שׁוֹמֵעַ", און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיךְ לִיבּ.

...

## אִיךְ הָאף צוּ פּוֹעֵלְ'ן יֶעצְט פַאר דִיר אַ שִׁידוּךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פָאר אִם יִרְצֶה הַשֵׁם הַיינְט נַאכְט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוֹיף אַ קוּרְצֶע נְסִיעָה, אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ זַיין צוּרִיק מָאנְטָאג פַּארְטָאגְס. אִיךְ גֵיי צוּ מוֹהֲרָא"ש און צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, און נָאךְ קִבְרֵי צַדִיקִים, אִיךְ גֵיי נָאכְאַמָאל וֵויינֶען פַאר דִיר פַאר אַ שִׁידוּךְ. אִיךְ וֵויין פַאר דִיר יֶעדְן טָאג, אוֹיךְ בַּיי יֶעדֶע פְּתִיחַת הָאָרוֹן הַקוֹדֶשׁ בֶּעט אִיךְ דוּ זָאלְסְט שׁוֹין טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ.

יֶעדְן טָאג רֶעד אִיךְ מִיט מַיין וַוייבּ וָואס מֶען קֶען טוּן פַאר דִיר פַאר אַ שִׁידוּךְ, אוֹיךְ גֶעבְּט מִיר מַיין מַאמֶע תִּחְיֶ' אֵיינְמָאל אַ וָואךְ אַ פְּסָק אַז אִיךְ טוּ נִישְׁט גֶענוּג פַאר דִיר און פַאר נָאךְ. מַיין מַאמֶע קֶען דַיין מַאמֶע, זִי בֶּעט אוֹיךְ פַאר דִיר; אִיךְ הָאף צוּ פּוֹעֵלְ'ן יֶעצְט פַאר דִיר אַ שִׁידוּךְ.

בְּרוּדֶער, דְרַאפֶּע זִיךְ און דֶערְהַאלְט זִיךְ.

...

## מִיר ווִילְן אוּן שְׁטְרֶעבְּן צוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, י"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרְער לִיבֶּער זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ צוּ זֶען ווִי פְלַייסִיג דוּ לֶערְנְסְט, דַיין יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן בְּעִיקָר דַיין כִּיבּוּד אָב וָאֵם. יֶעצְט זָאגְט מִיר מַאמִי תִּחְיֶ' אַז דַיין מַגִּיד שִׁיעוּר הָרַב אֶלְחָנָן חַיִּים שְׁלִיטָ"א זָאגְט אִיר ווִי פְלַייסִיג דוּ לֶערְנְסְט; סַיי דִי גְמָרָא שִׁיעוּר אוּן סַיי דִי הֲלָכָה שִׁיעוּר, אוּן אוֹיךְ בַּיינַאכְט גֵייסְטוּ לֶערְנֶען דִי גְמָרָא שִׁיעוּר מִיט דִי אַבְרֵכִים.

דָאס אִיז אוּנְזֶער ווִילְן, דָאס אִיז אוּנְזֶער רַייכְטוּם; מִיר ווִילְן נִישְׁט קַיין שֵׁיינֶע הוֹיז, מִיר ווִיל נִישְׁט קַיין פַארְמֶעגְן, מִיר ווִילְן אוּן שְׁטְרֶעבְּן צוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת לַה' וּלְתוֹרָתוֹ.

פִּיר זִיךְ ווַייטֶער אוֹיף דִי גוּטֶע וֶועג אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ.

...

## נִישְׁטָא קַיין אִיד וָואס ווִיל זִינְדִיגְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, י"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חַס וְשָׁלוֹם צוּ זָאגְן אַז אֵיינְמָאל מֶען ווֵייסְט פוּן דִי הֵיילִיגֶע תִּיקּוּן הַכְּלָלִי וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶועְן צוּ מְתַקֵּן זַיין אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ - אִיז גְרִינְגֶער צוּ זִינְדִיגְן.

עֶס אִיז אַ טִפְּשׁוּת אַזוֹינְס צוּ זָאגְן, וֶוער ווִיל זִינְדִיגְן? ווִיל דֶען אַ אִיד זִינְדִיגְן?! נִישְׁטָא קַיין אִיד וָואס ווִיל זִינְדִיגְן. דֶער רֶבִּי קוּמְט צוּ אוּנְז אוּן ווַייזְט אוּנְז דִי רַחְמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מִיר זֶענֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְפַאלְן, מִיר זֶענֶען ווַייטֶער זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן כָּל זְמַן מֶען לֶעבְּט - קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן, מֶען הָאט נָאךְ אַן הָאפֶענוּנְג, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה

זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת ט, א): "כָּל זְמַן שֶׁאָדָם חַי", ווי לַאנְג מֶען לֶעבְּט, "יֵשׁ לוֹ תִּקְוָה", הָאט מֶען אַן הָאפֶענוּנְג.

דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה זָאגְט אַז אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט - אִיז דָא אַ מִצְוָה פוּן תְּשׁוּבָה; וֶועסְטוּ אוֹיף דֶעם אוֹיךְ פְרֶעגְן דִי שְׁאֵלָה - אַז עֶס מַאכְט זִינְדִיגְן? חַס מִלְּהַזְכִּיר, אַ אִיד ווִיל נִישְׁט זִינְדִיגְן, אַ אִיד ווִיל זַיין גוּט, אוּן דָא הָאבְּן מִיר אַ צַדִיק וָואס הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אוּנְזֶער דוֹר, עֶר אִיז אוּנְז אַזוֹי מְחַזֵק, אוּן עֶר הָאט אוּנְז גֶעבְּרֶענְגְט אַ תִּיקוּן וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּאהַאלְטְן פוּן אַלֶע עוֹלָמוֹת, פוּן אַלֶע צַדִיקִים, אַז וֶוער עֶס וֶועט זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים [טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ] - וֶועט מְתַקֵן זַיין דֶעם חֵטְא הַיְדוּעָה.

דִי עֶרְשְׁטֶע חֵלֶק בְּרִיוו קֶען אִיךְ נָאךְ אַרָאפְּשְׁלִינְגֶען, אָבֶּער דַיין צְוֵוייטֶע פְרַאגֶע - דָאס אִיז שׁוֹין עֶפֶּעס וָואס הֶענְט אוּן פִיס צִיטֶערְן, אַ בָּחוּר וָואס לֶערְנְט אִין אַ יְשִׁיבָה לְמְצוּיָנִים - זָאל הֵייבְּן הֶענְט אוּן שְׁלָאגְן אַ טַאטֶע?! גֶעוַואלְד אוּן גֶעשְׁרִיגְן, דִי תּוֹרָה זָאגְט (שְׁמוֹת כא, טו): "וּמַכֵּה אָבִיו וְאִמּוֹ מוֹת יוּמָת", וָואס אִיז מִיט דִיר אַז דוּ שְׁלָאגְסְט אַ טַאטֶע?!

גֵיי זָאג שׁוֹין דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים אוּן וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַיי זִיךְ מִתְוַדֶה, טוּ תְּשׁוּבָה מִיט אַן אֱמֶת. אוּן אַז דַיין טַאטֶע הוֹיבְּט אָן שְׁלָאגְן אוּן שְׁרֵייעֶן - זָאלְסְטוּ חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט צוּרִיק שְׁלָאגְן, אוּן חַס וְשָׁלוֹם צוּרִיק שְׁרֵייעֶן; וֶועט דִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל זַיין.

בַּאהַאלְט דַיין הִתְקָרְבוּת צוּם רֶבִּי'ן, רֵייץ דִיךְ נִישְׁט אִין יְשִׁיבָה מִיט קֵיינֶעם, נֶעם דִי עֵצוֹת אוּן חִיזוּק פַאר דִיר אַלֵיין.

...

**צוּשִׁיקְן צוּם עָמוּד דִי וָואס דַאוֶוענֶען שֵׁיין מִיט טַעַם אוּן קוֹל**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וָאֵרָא, ט' שׁוֹבָבִי"ם, כ"ג טֵבֵת, שְׁנַת ה'תשפ"ג**

**לִכְבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, גַבְּאַי בֵּית הַמֶדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ סְפְּרִינְג וַואלִי**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז עֶס אִיז שׁוֹין דָא אַ מִנְיָן פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס, אוּן אוֹיךְ בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת; אִיז שׁוֹין כְּדַאי צוּ מַאכְן שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי אַ מִנְיָן.

בְּנוֹגֵעַ וֶועם צוּצוּשִׁיקְן צוּם עָמוּד, זַיין בַּעַל תְּפִלָּה; קֶענְסְט צוּשִׁיקְן גֶעסְט צוּ זַיין בַּעַל תְּפִלָּה, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם, דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ צוּשִׁיקְן דִי וָואס דַאוֶוענֶען שֵׁיין, נִישְׁט סְתַּם אַבִּי אָפְּזָאגְן דָאס דַאוֶוענֶען שְׁטִילֶערְהֵייט אָן קַיין טַעַם אוּן אָן קַיין קוֹל.

הָעִקָר זָאלְסְטוּ מְחַזֵק זַיין יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס קוּמְט אַרַיין אִין שׁוּל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### רֶעדְט נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם פוּן אַייעֶר עָבַר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, י׳ שׁוֹבְבִי״ם, כ״ד טֵבֵת, שְׁנַת ה׳תשפ״ג

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ וִויל אַייךְ זֵייעֶר בֶּעטְן, רֶעדְט נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם פוּן אַייעֶר עָבַר, מַאכְט זִיךְ נִישְׁט צוּ-נַאר פַאר אַנְדֶערֶע. וָואס דַארְפְט אִיר דֶערְצֵיילְן וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף אַייךְ אֵיידֶער אַייעֶר הִתְקַרְבוּת; אַז אִיר הָאט גֶעהַאט אַ שְׁלֶעכְטֶער חָבֵר וְכוּ׳ וְכוּ׳, אִיר מַאכְט זִיךְ צוּ-נַאר פַאר יֶעדְן, אוּן אוֹיךְ וֶוערְט אַייעֶר מַאן צוּ-נַאר.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, טוּט מִיר דִי טוֹבָה, רֶעדְט נִישְׁט דִי זַאכְן, רֶעדְט נָאר שֵׁיינֶע זַאכְן; רֶעדְט פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער. בַּיי דִי פְרוֹיעֶן צַאמְקוּמְס זָאלְט אִיר רֶעדְן נָאר פוּן שֵׁיינֶע זַאכְן; פְרוֹיעֶן וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן, אוּן נָאכְדֶעם וֶועט אַייךְ עֶס שָׁאטְן.

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט אָנְנֶעמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער.

...

## פְּלַאקֶער אוֹיף דִי הֶערְצֶער פוּן דִי קִינְדֶער אִין חֵדֶר מִיט סִפּוּרֵי צַדִיקִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, י״א שׁוֹבָבִי״ם, כ״ה טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג
לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ אַז דוּ בְּרֶענְגְּסְט אַרַיין אִין דַיינֶע תַּלְמִידִים אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דוּ גֶעוואוּינְסְט זֵיי צוּ צוּ גוֹרֵס זַיין מִשְׁנַיוֹת פוּן יוּנְגְוַוייז אָן.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט. יֶעדֶער אֵיינֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ, "אָדָם לְעָמָל יוּלָד" (אִיּוֹב ה, ז), נָאר וָואס דֶען? וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס זַיין פְּלָאג אוּן מִי אִיז אִין לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער. וֶועסְט אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט וֶועט בְּלַייבְּן פוּן דַיין מִי אוּן פְּלָאג אַ זֵכֶר, אַ שְׁאֵרִית לָנֶצַח, אַנְדֶערְשׁ וֶוען מֶען פְּלָאגְט זִיךְ מִיט הַבְלֵי עוֹלָם הַזֶה, דַאן בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט אִיבֶּער פוּן דִי מִי אוּן פְּלָאג.

פְּלַאקֶער אוֹיף דִי הֶערְצֶער פוּן דִי קִינְדֶער אִין חֵדֶר מִיט סִפּוּרֵי צַדִיקִים. וְדַעַת לְנָבוֹן, מֶען דַארְף נִישְׁט אַלְץ דֶערְצֵיילְן פְּרִישֶׁע מַעֲשִׂיוֹת, מֶען קֶען אִיבֶּערְדֶערְצֵיילְן דִי זֶעלְבֶּע מַעֲשִׂיוֹת. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ, נָאר אַז דֶער מְלַמֵד קֶען אִיבֶּערְדֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשִׂיוֹת מִיט אַ פְּרִישְׁקֵייט, וַוייל מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים פְּלַאקֶערְט אוֹיף דִי הֶערְצֶער פוּן דִי קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן רמח).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## װער עס האָט אֱמוּנָה, דער דינט דעם אייבערשטן מיט יעדע זאַך

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, י״ב שׁוֹבָבִי״ם, כ״ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד מַיינע לִיבֶּע בְּרִידער, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

איך בּין נאָכְמַאלְץ אוּנְטער די גוּטע געפיל פון זַיין מיט אייך דעם פּאַרגאַנגענעם װאָך, איך האָבּ זיך זייער מְחַיֶּה געװען מיט ענק. די אַמעריקאַנער פרעגן װאָס איך זאָג צו די אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל'דיגע תַּלְמִידִים, זיי זאָגן, זיי שְׁפּירן אַז דער רֹאשׁ יְשִׁיבָה איז מער פְרֵיילִיךְ דאָרט.

דער אֱמֶת איז, איבעראַל איז דאָ מַעֲלוֹת און מַעֲלוֹת, אָבער איין זאַך װאָס איך זע בּיי אייך מער װי אין אַנדערע פְּלעצער, עס איז דאָ אַ סאַך מער תְּמִימוּת בּיי אייך; דאָס איז אַ שְׁטאַרקע זאַך פאַרן הִתְקָרְבוּת צוּם רֶבִּי'ן. דעם רֶבִּינ'ס זאַך קען מען נעמען נאָר מיט גְרוֹיס תְּמִימוּת, דער רֶבִּי האָט געזאָגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קנד): "אַי אַי פְּרַאקְטִיק", ער האָט זיך געבענקט צו די גְרוֹיסע עֲבוֹדָה פון דינען דעם אייבערשטן פָּשׁוּט. "גַּם אָמַר", נאָך האָט דער רֶבִּי געזאָגְט: "שֶׁדִּבֵּר עִם כַּמָּה צַדִּיקִים גְּדוֹלִים", ער האָט גערעדט מיט אַ סאַך גְרוֹיסע צַדִּיקִים, "וְאָמְרוּ גַּם כֵּן", זיי האָבּן אים אויך געזאָגְט די זעלבּע זאַך, "שֶׁלֹּא הִגִּיעוּ לְמַדְרֵגָתָם", אַז זיי זענען נישְׁט צוגעקומען צו זייערע מַדְרֵגוֹת, "כִּי אִם עַל יְדֵי עִנְיָן פְּרַאקְטִיק", נאָר דורך די פָּשׁוּט'ע עֲבוֹדָה, "שֶׁעָסְקוּ בַּעֲבוֹדָתָם בִּפְשִׁיטוּת גָּמוּר בְּהִתְבּוֹדְדוּת וְשִׂיחָה בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ", זיי האָבּן אַ סאַך גערעדט צוּם אייבערשטן פָּשׁוּט'ערהייט און אַ סאַך געשְׁמוּעסְט מיטן אייבערשטן, "וְעַל יְדֵי זֶה הִגִּיעוּ לְמָה שֶׁהִגִּיעוּ, אַשְׁרֵי לָהֶם", און נאָר אַזוֹי זענען זיי צוגעקומען צו װאָס זיי זענען צוגעקומען, װאוֹיל איז זיי.

דאָס זע איך בּיי אייך, עס איז דאָ אַ שְׁטאַרקע תְּמִימוּת, און דאָס האָבּ איך ליבּ, װייל דורך תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת קוּמְט מען צו האָבּן אַ קלאָרע אֱמוּנָה, װאָס דאָס איז בּיים רֶבִּי'ן געװען מער פון אַלעם. אַזוֹי װי דער הֵיילִיגער רֶבִּי זאָגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן לג): "אֵצֶל הָעוֹלָם אֱמוּנָה הוּא דָּבָר קָטָן", בּיי די װעלְט איז אֱמוּנָה אַ קְלֵיינִיקייט, "וְאֶצְלִי אֱמוּנָה הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", אָבער בּיי מיר

אִיז אֱמוּנָה גָאר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, "וְעִקַּר הָאֱמוּנָה הִיא בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת וַחֲקִירוֹת כְּלָל", דֶער עִיקָר אֱמוּנָה אִיז וֶוען מֶען גְלֵייבְּט אָן קַיין חָכְמוֹת, אָן קַיין חֲקִירוֹת, "רַק בִּפְשִׁיטוּת גָּמוּר", נָאר מִיט אַ פְּרַאקְטֶיקַייט, "כְּמוֹ שֶׁהַנָּשִׁים וְהֶהָמוֹן עַם הַכְּשֵׁרִים מַאֲמִינִים", אַזוֹי וִוי פְרוֹיעֶן און פָּשׁוּטְ'עֶ מֶענְטְשְׁן פִירְן זִיךְ, מֶען גְלֵייבְּט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶר מַאכְט אַלֶעס, עֶר טוּט אַלֶעס און עֶר אִיז אַלֶעס.

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אוֹיפְן וֶועג צוּרִיק צוּם לוּפְטְפֶעלְד הָאט מֶען מִיר גֶעזָאגְט אַז מֶען קֶען שׁוֹין אַרַיינְגֵיין אִינֶעם בְּנֵי בְּרַק'עֶר שׁוּל, (קוֹים וָואס מֶען הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעצוֹיגְן אִינֶעם נַייעֶם שׁוּל אוֹיף רְחוֹב יְרוּשָׁלַיִם, זֶענֶען שׁוֹין דִי שְׁכֵנִים גֶעלָאפְן צוּם בֵּית דִין מִיט אַ גְיוַואלְד, אַז מֶען זָאל אוּנְז נִישְׁט אַרַיינְלָאזְן דָארְט ווייל מִיר זֶענֶען נִישְׁט עֶרְלִיךְ; וֵויי גְיוַואלְד, וָואס מֶען לַיידְט פוּן לָשׁוֹן הָרָע, וֵויי גְיוַואלְד וָואס מֶען רֶעדְט אַלְץ אוֹיף צַדִּיקֵי אֱמֶת וָואס זֶענֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ אוֹיסְלֵייזְן דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה און עֶס אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט; אוֹיף זֵיי רֶעדְט מֶען לָשׁוֹן הָרָע מִיט הוֹצָאַת שֵׁם רַע), בִּין אִיךְ גֶעפָארְן אַהִין מְחַזֵּק זַיין דִי שׁוּל.

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן פו) אוֹיף דִי וָואכֶעדִיגֶע פַּרְשָׁה (שְׁמוֹת ו, ט): "וְלֹא שָׁמְעוּ אֶל מֹשֶׁה מִקֹּצֶר רוּחַ וּמֵעֲבֹדָה קָשָׁה", אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט אוֹיסְהֶערְן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ - מִקּוֹצֶר רוּחַ, זָאגְט דֶער רֶבִּי דָאס אִיז וֵוייניג אֱמוּנָה; אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה דַארְף מֶען טוּן עֲבוֹדוֹת קָשׁוֹת, ווייל וֶוער עֶס הָאט אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט און גְלֵייבְּט אַז יֶעדֶע פִּינְטְל וָואס מֶען טוּט אִיז חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶער דַארְף נִישְׁט פַאסְטְן, דֶער דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט יֶעדֶע זַאךְ, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי ג, ו): "בְּכָל דְּרָכֶיךָ דָעֵהוּ", מִיט יֶעדֶע זַאךְ זָאלְסְטוּ ווִיסְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר אָן אֱמוּנָה מֵיינְט מֶען אַז מֶען מוּז טוּן עֲבוֹדוֹת קָשׁוֹת, דָאס זָאגְט דֶער רֶבִּי, מִקֹּצֶר רוּחַ, אַז מֶען הָאט נִישְׁט אֱמוּנָה - וּמֵעֲבֹדָה קָשָׁה - דַארְף מֶען שְׁוֶוער אַרְבֶּעטְן.

טֵייעֶרֶע בְּרִידֶער, טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, לָאמִיר אָנְהוֹיבְּן טוּן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פוּן אָנְהוֹיב וָואךְ.

אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפה, סְעִיף ג): "מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילַךְ חָשׁוּב עִם הַצִּבּוּר", פוּן זוּנְטָאג קֶען מֶען שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אוּן דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה זָאגְט (שָׁם, סְעִיף קָטָן ח) דֶער גְרָ"א זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט, יֶעדְן טָאג הָאט עֶר מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען אַבִּיסְל; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער; אַז מֶען גֵייט אוֹיף דֶעם וֶועג - עֶנְדִיגְט מֶען דִי סֶדְרָה יֶעדֶע וָואךְ.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר לֶערְנֶען אַבִּיסְל מִשְׁנַיּוֹת; מִשְׁנַיּוֹת מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ פְרֵיי, מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן אַלֶע קַטְנוּת הַדַּעַת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה ז, ג): "אֵין כָּל הַגָּלֻיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְּסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנַיּוֹת", מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען נָאר בִּזְכוּת וָואס מֶען לֶערְנְט מִשְׁנַיּוֹת.

וְעַל כּוּלָּם לֶערְנְט אַבִּיסְל גְמָרָא, מִיר גֵייעֶן עֶנְדִיגְן דִי וָואךְ מַסֶּכֶת נְדָרִים, מִיר הוֹיבְּן אָן מַסֶּכֶת נָזִיר. בֶּעט אִיךְ אַייךְ, כַאפְּט אַייךְ מִיט, אַ שָׁאד עֶס זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין אַ טָאג אָן לֶערְנֶען גְמָרָא. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ריד): "'תַּלְמוּד' בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ 'לִילִית', עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ", 'תַּלְמוּד' בַּאטְרֶעפְט דִי זֶעלְבֶּע מִסְפָּר וִוי דִי נָאמֶען פוּן דִי קְלִיפָּה וָואס מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, אוּן וֶוען מֶען לֶערְנְט גְמָרָא אִיז מֶען מַכְנִיעַ דִי קְלִיפָּה; דֶערְפַאר הָאט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם זֵייעֶר מוֹרָא פוּן אַ דַף גְמָרָא, אַלֶעס וֶועט עֶר לָאזְן דֶעם מֶענְטְשׁ זָאל טוּן, אַבִּי נִישְׁט עֶפֶענֶען אַ גְמָרָא.

וְהָעוֹלֶה עַל הַכֹּל לָאמִיר אָנְהוֹיבְּן זַיין פְרֵיילִיךְ, זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹת וָואס מִיר טוּעֶן, זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם אַז מִיר זֶענֶען אִידְן; דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה קוּמְט מֶען צוּ שִׂמְחָה.

אִיךְ בֶּענְק שׁוֹין, אִיךְ וִויל שׁוֹין קוּמֶען נָאכְאַמָאל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**דוּ קֶענְסְט תְּשׁוּבָה טוּן, בִּיסְט נָאכְנִישְׁט דֶערְנָאךְ**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בֹּא, ט״ז שׁוֹבָבִי״ם, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דוּ קֶענְסְט תְּשׁוּבָה טוּן, בִּיסְט נָאכְנִישְׁט דֶערְנָאךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט דוּ זָאלְסְט זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּ אִים, אֲפִילוּ דוּ הָאסְט רַחֲמָנָא לִצְלָן פּוֹגֵם גֶעוֶועז בְּאוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ - קֶענְסְטוּ נָאכְאַלְץ פַארְרֶעכְטְן, קֶענְסְט תְּשׁוּבָה טוּן. גֵיי אִין מִקְוֶה אוּן זָאג דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ], אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר מוֹחֵל זַיין. זַיי זִיךְ מִתְוַדֶּה, דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן אוּן בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר.

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי יִשְׂרָאֵל סַאלַאנְטֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַמָאל שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט אַריין צוּם שׁוּסְטֶער, עֶר הָאט זִיךְ אַנְטְשׁוּלְדִיגְט אַז עֶר קוּמְט אַזוֹי שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט אִין אַזַא שְׁפֶּעטֶע שָׁעָה, אָבֶּער זַיין שִׁיךְ הָאט זִיךְ מַמָשׁ יֶעצְט צֶערִיסְן אוּן עֶר וִויל וִויסְן צִי עֶר קֶען דָאס נָאךְ פַּארְרֶעכְטְן. הָאט זִיךְ דֶער שׁוּסְטֶער אָנְגֶערוּפְן: ״וִוי לַאנְג דִי לִיכְט בְּרֶענְט, קֶען אִיךְ פַּארְרֶעכְטְן דִי שִׁיךְ״; רֶבִּי יִשְׂרָאֵל סַאלַאנְטֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דִי וֶוערְטֶער, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ ׳דָאס מֵיינְט מֶען מִיר׳, עֶר הָאט דָאס גֶענוּמֶען וִוי אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל וָואס זָאגְט: ׳וִוי לַאנְג דִי לִיכְט בְּרֶענְט, וִוי לַאנְג אִיךְ לֶעבּ, מַיין נְשָׁמָה אִיז אִין מִיר, (דִי נְשָׁמָה וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אַ לִיכְט אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט [מִשְׁלֵי כ, כז]: ׳נֵר ה׳ נִשְׁמַת אָדָם׳), קֶען אִיךְ נָאךְ אַלֶעס פַּארְרֶעכְטְן׳.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵר זַיין, אִיךְ דַארְף אָנְגְרֵייטְן אַ שִׁיעוּר פַאר דִי פְרוֹיעֶן צַאמְקוּם. זֶע דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן שְׁטוּבּ שֶׁעפְּן אַבִּיסְל פְרִישֶׁע כֹּחוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אַלֶע קָאמְפְּיוּטֶערְס אִינֶעם בֵּית הַדְּפוּס זָאלְן זַיין גֶעפִילְטֶערְט

[דֶער מְנַהֵל פוּן בֵּית הַדְּפוּס הָאט אָנְגֶעפְרֶעגְט בַּיים רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אוֹיבּ אֵיינֶער קוּמְט מִיט זַיין אֵייגֶענֶע קָאמְפְּיוּטֶער אִין בֵּית הַדְּפוּס צוּ הֶעלְפְן מִיט הֲפָצָה וְהַדְפָּסָה, אוֹיבּ עֶר דַארְף זִיכֶער מַאכְן אַז יֶענֶעמְ'ס קָאמְפְּיוּטֶער הָאט אַ פִילְטֶער, אָדֶער ווִיבַּאלְד יֶענֶער אַרְבֶּעט נִישְׁט דִירֶעקְט אוּנְטֶער אִים דַארְף עֶר זִיךְ נִישְׁט אַריינְמִישְׁן.

שְׁרַייבְּט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה:]

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בֹּא, ט"ז שׁוֹבְבִי"ם, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין פְּרַאגֶע.

אַוַדַאי דַארְפְסְטוּ זִיכֶער מַאכְן אַז עֶר הָאט אַ פִילְטֶער; וֶוער עֶס קוּמְט אַריין אִינֶעם בִּנְיָן פוּן הַדְפָּסָה אַרְבֶּעטְן מִיט אַ קָאמְפְּיוּטֶער - אִיז אוּנְטֶער דַיין אַחְרַיוּת.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, גֶעבּ אַכְטוּנְג אַז אַלֶע וָואס אַרְבֶּעטְן אִינֶעם בֵּית הַדְּפוּס מִיט קָאמְפְּיוּטֶערְס זָאל דָאס זַיין גֶעפִילְטֶערְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### בִּזְכוּת רֵיינִיגְן דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ זָאל אִיךְ קֶענֶען רֵיינִיגְן נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בֹּא, ט"ז שׁוֹבְבִי"ם, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם

אִיךְ הֶער גְרוּסְן פוּן דִי גַבָּאִים אַז דוּ בִּיסְט זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַארְ'ן שׁוּל אוּן פַאר דִי חֵדֶר; דוּ רֵיינִיגְסְט דֶעם שׁוּל, דוּ זָארְגְסְט פַאר יֶעדֶע פְּרַט אִין שׁוּל.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט וֶוען עֶר פְלֶעגְט וַואשְׁן דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ שְׁטִיבְּל

אִין בָּארָא פַּארְק, דֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ וָואס גֶעפוּנְט זִיךְ אוֹיף דִי זֶעכְצְנְ'טֶע גַאס, פְּלֶעגְט עֶר זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין בְּשָׁעתְ'ן רֵיינִיגְן, עֶר הָאט גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת וָואס אִיךְ רֵיינִיג דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ זָאל אִיךְ קֶענֶען רֵיינִיגְן נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל".

וֶוען דוּ רֵיינִיגְסְט דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, מַאךְ מִיךְ רֵיין, זַיי מִיךְ מְקָרֵב צוּ דִיר, אִיךְ וִויל רֵיינֶע אוֹיגְן, אַ רֵיינֶע מֹחַ מַחֲשָׁבָה".**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מֶען הוֹיבְּט שׁוֹין אָן זִיךְ צוּ גְרֵייטְן אוֹיפְ'ן רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פַּרְשַׁת בֹּא, י"ז שׁוֹבבי"ם, ב' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

הֱיוֹת מֶען הוֹיבְּט שׁוֹין אָן זִיךְ צוּ גְרֵייטְן אוֹיפְ'ן רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה, קֶען מֶען זִיךְ שׁוֹין אַיינְשְׁרַייבְּן בַּיי דִי גַבָּאִים אַוֶועק צוּ לֵייגְן אַ בֶּעט פַאר זִיךְ אוּן פַאר דִי קִינְדֶער. דִי יָאר גֵיי אִיךְ אַרוֹיף מִיט דִי פְּרַייז, וַוייל אַלֶעס אִיז אַרוֹיף; דִי פְּרַייז פוּן עֶסְן, טְרִינְקֶען, אַרְבֶּעטֶערְס, גֶעז וְכַדוֹמֶה - אִיז אַרוֹיף זֵייעֶר הוֹיךְ, מִיר וֶועלְן נָאכְאַלְץ בֶּעטְן בִּילִיגֶער ווִי מֶען בֶּעט עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ.

אוֹיךְ אִיז דָא גוּטֶע נַייעֶס, מֶען הָאט שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן בַּאקְן מַצּוֹת אִין אוּנְזֶער מַצָּה בֶּעקֶערַיי, אִיז גוּט וֶוער עֶס וִויל קוֹיפְן מַצּוֹת זָאל שׁוֹין זִיךְ אַיינְשְׁרַייבְּן וְויפִיל פוּנְט מַצּוֹת מֶען וֶועט קוֹיפְן.

נָאךְ אַ גוּטֶע נַייעֶס, מֶען הָאט יֶעצְט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ פְרִישֶׁע מַסֶכְתָּא אִין יְרוּשַׁלְמִי, מַסֶכֶת פֵּאָה. עֶס אִיז אַ גוּטֶע צַייט זִיךְ מִיט צוּ כַאפְּן, אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט בַּבְלִי אוּן יְרוּשַׁלְמִי, אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, נָאר בִּגִירְסָא. אוֹיךְ מָארְגְן זֶענֶען מִיר מְסַיֵּים מַסֶכֶת נְדָרִים בַּבְלִי אוּן מִיר הוֹיבְּן אָן מַסֶכֶת נָזִיר, עֶס אִיז אַ גוּטֶע גֶעלֶעגְנְהֵייט אָנְצוּהוֹיבְּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לָאז אָפּ דִי סְבָרוֹת אַז דוּ בִּיסְט שׁוֹין דֶערְנָאךְ, דוּ קֶענְסְט יָא תְּשׁוּבָה טוּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בֹּא, י״ז שׁוֹבְבִי״ם, ב׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

גְלֵייבּ דֶעם רֶבִּי׳ן, גְלֵייבּ אַז דוּ קֶענְסְט יָא תְּשׁוּבָה טוּן; לָאז אָפּ דַיינֶע אוֹיבֶּערְ׳חָכְמְ׳יִשְׁקֵייט, לָאז אָפּ דַיינֶע סְבָרוֹת אַז דוּ בִּיסְט שׁוֹין דֶערְנָאךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט דָאךְ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן קיב): "אִם אַתָּה מַאֲמִין, שֶׁיְּכוֹלִין לְקַלְקֵל", אוֹיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ קֶענְסְט טוּן שְׁלֶעכְטֶס, "תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְתַקֵּן", גְלֵייבּ אוֹיךְ אַז דוּ קֶענְסְט פַארְרֶעכְטְן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט אָן דַיין תְּשׁוּבָה, עֶר וַוארְט דוּ זָאלְסְט זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּ אִים. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תּוֹרַת כֹּהֲנִים, בְּחוּקוֹתַי) דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "מִיַּד שֶׁהֵם מִתְוַדִּים עַל עֲוֹנוֹתֵיהֶם, מִיַּד אֲנִי חוֹזֵר וּמְרַחֵם עֲלֵיהֶם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה אוֹיף זַיינֶע עֲבֵירוֹת - בִּין אִיךְ אִים גְלַייךְ מוֹחֵל, אוּן אִיךְ פִיר זִיךְ מִיט אִים מִיט רַחְמָנוּת.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, תְּפִילוֹת פוּן עֶלְטֶערְן - דָאס מַאכְט דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיךְ. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, פֶּרֶק יח): "מַעֲשֶׂה בְּכֹהֵן אֶחָד שֶׁהָיָה יְרֵא שָׁמַיִם בַּסֵּתֶר, וְהָיוּ לוֹ עֲשָׂרָה בָּנִים מֵאִשָּׁה אַחַת, שִׁשָּׁה זְכָרִים וְאַרְבַּע נְקֵבוֹת", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ כֹּהֵן זֵייעֶר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס הָאט גֶעהַאט צֶען קִינְדֶער - זֶעקְס זוּן אוּן פִיר טֶעכְטֶער, "וּבְכָל יוֹם וָיוֹם הָיָה מִתְפַּלֵּל וּמִשְׁתַּטֵּחַ וּמִתְחַנֵּן וּמְבַקֵּשׁ רַחֲמִים וּמְלַחֵךְ בִּלְשׁוֹנוֹ עָפָר, כְּדֵי שֶׁלֹּא יֵצֵא אֶחָד מֵהֶן לִידֵי עֲבֵירָה וְלִידֵי דְּבַר מְכֹעָר", עֶר פְלֶעגְט זִיךְ יֶעדְן טָאג אַרָאפְוַוארְפְן אוֹיף דֶער עֶרְד וֵויינֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן; "אָמְרוּ לֹא יָצְתָה אוֹתָהּ שָׁנָה וְלֹא שֵׁנִית וְלֹא שְׁלִישִׁית, עַד שֶׁבָּא

עֶזְרָא וְהֶעֱלָה אֶת יִשְׂרָאֵל מִבָּבֶל, וְהֶעֱלָה אִתּוֹ כֹּהֵן עִמָּהֶם. לֹא נִכְנַס אִתּוֹ כֹּהֵן לְבֵית עוֹלָמוֹ, עַד שֶׁרָאָה כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים וּפִרְחֵי כְּהוּנָּה מִבָּנָיו וּמִבְּנֵי בָנָיו עַד חֲמִשִּׁים שָׁנָה, וְאַחַר כָּךְ נִכְנַס אוֹתוֹ כֹּהֵן לְבֵית עוֹלָמוֹ", בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרוֹיף צוּ גֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מִיט אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער צוּזַאמֶען מִיט עֶזְרָא הַסּוֹפֵר, אוּן אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוָוארְן כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּן דֶער כֹּהֵן הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער אוּן אֵייניִקְלֶעךְ וָואס אַלֶע פוּן זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן דִי עֲבוֹדָה אִינֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז תְּפִלָּה אִיז דִי עֵצָה זוֹכֶה צוּ זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פְּרוֹיעֶן וָואלְטְן גֶעדַארְפְט וֶועלְן זֵייעֶרֶע מֶענֶער זָאלְן קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בֹּא, י"ז שׁוֹבָבִי"ם, ב' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט דַיין בְּרִיוו, דַיין וֵוייטָאג; דוּ פְרֶעגְסְט וָואס דוּ קֶענְסְט טוּן אַז דַיין וַוייבּ זָאל דִיךְ לָאזְן פָארְן קַיין אוּמַאן.

רֶעד מִיט אִיר שֵׁיינֶע הַארְצִיגֶע וֶוערְטֶער; זָאג אִיר וִוי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט גֵיין צוּם רֶבִּי'ן אוּן פַארְוָואס דוּ ווִילְסְט פָארְן קַיין אוּמַאן. דֶערְצֵייל אִיר אַז דֶער רֶבִּי גֶעבְּט דִיר לֶעבְּן, דֶער רֶבִּי גֶעבְּט דִיר אַ וֶועג אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם.

רֶעד מִיט אִיר, שְׁמוּעֶס מִיט אִיר, שְׁפַּאצִיר מִיט אִיר אוּן רֶעד אִיר אוֹיס אִיר הַארְץ, בֶּעט אִיר מִיט וַוארֶעמֶע וֶוערְטֶער זִי זָאל דִיךְ נִישְׁט אָפְּהַאלְטְן פוּן גֵיין צוּם רֶבִּי'ן. זָאג אִיר: "אִיךְ גֶעבּ דִיר אַלֶעס נָאךְ, וָואס דוּ דַארְפְסְט אוּן וָואס דוּ ווִילְסְט - אַבִּי שְׁטֶער מִיךְ נִישְׁט פוּן גֵיין צוּם רֶבִּי'ן וָואס הָאט גֶעזָאגְט אַז אַלֶע זָאלְן קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה".

עֶס גֵייט נִישְׁט גֵיין מִיט אֵיין שְׁמוּעֶס, עֶס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל אוּן גְרִינְג. דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה א׳) דֶער שֵׁנִי לַמַּלְכוּת אִיז שׁוֹין עֶנְדְלִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען צוּם גָאלְדֶענֶעם בַּארְג אוּנֶעם פֶּערְלֶנֶעם שְׁלָאס, "אִיז דֶער שֵׁנִי לַמַּלְכוּת גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ גְבִיר אוּן זִיךְ גֶעדִינְגֶען קֶעסְט, וַוייל מֶען דַארְף זִיךְ פַּארְזוּימֶען, וַוייל מֶען מוּז זֶען מִיט חָכְמָה אוּן שֵׂכֶל מֶען זָאל אִיר אַרוּיסְנֶעמֶען".

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, דָאס אִיז אַלְץ לָשׁוֹן הָרָע וָואס מֶען רֶעדְט אוֹיפְ׳ן רֶבִּי׳ן, לוֹיטְן שֵׂכֶל וָואלְטְן אַלֶע פְּרוּוֶען גֶעדַארְפְט וֶועלְן זֵייעֶרֶע מֶענֶער זָאלְן קוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן, וַוייל דֶער רֶבִּי אִיז דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער רֶבִּי פוּן אַלֶע דוֹרוֹת וָואס רֶעדְט צוּ זַיינֶע תַּלְמִידִים פוּן שָׁלוֹם בַּיִת. נֶעם אַלֶע סְפָרִים פוּן אַלֶע דוֹרוֹת, טְרֶעף מִיר אֵיין צַדִּיק זָאל וָוארֶענֶען זַיינֶע אִינְגֶעלַייט זֵיי זָאלְן הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי - עֶר הָאט אוּנְז זֵייעֶר אָנְגֶעוָוארְנְט מִיר זָאלְן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ אוּן הַאלְטְן טֵייעֶר דִי וַוייבּ (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד); וָואלְט דָאךְ גֶעוֶוען אַ סְבָרָא צוּ זָאגְן אַז אַלֶע פְּרוּיעֶן זָאלְן זִיךְ בֶּעטְן בַּיי דִי מֶענֶער, גֵייט צוּם בְּרֶעסְלֶבֶ׳עֶר רֶבִּי; נָאר וָואס דֶען, דָא זֶעט מֶען דִי כֹּחַ פוּן לָשׁוֹן הָרָע, מֶען רֶעדְט כָּל דָּבָר אָסוּר אוֹיפְ׳ן רֶבִּי׳ן, אוּן דָאס מַאכְט מַחֲלֹקֶת רַחֲמָנָא לִצְלָן.

רֶעד מִיט דַיין וַוייבּ זִיסֶע וֶוערְטֶער, זָאג אִיר: "אִיךְ ווִיל לֶעבְּן מִיט דִיר מִיט לִיבְּשַׁאפְט, אִיךְ ווִיל מִיט דִיר זַיין אַיינְשְׁטִימִיג, דָא הָאבּ אִיךְ אַ רֶבִּי וָואס גֶעבְּט מִיר פָּשׁוּט אַ זִיסְקֵייט אִין לֶעבְּן"; וֶועט זִי דִיר זִיכֶער לָאזְן פָארְן צוּם רֶבִּי׳ן, זִי וֶועט דִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ גֵיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן.

גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת, גֵיי אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ אוּן וֵויין זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי שְׁטַארְק דֶער רֶבִּי אִיז פַארְשֶׁעמְט, מֶען פָּארְט צוּ אַלֶע רֶבִּי׳ס, קֵיינֶער זָאגְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט; מֶען לַאכְט נִישְׁט, מֶען קְרִיגְט נִישְׁט, אוּן וֶוען אַ אִינְגֶערְמַאן ווִיל זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן ווִיל פָארְן קַיין אוּמַאן - וֶוערְט הִימְל אוּן עֶרְד, עֶס וֶוערְט אַ רַעַשׁ, אַ מַחֲלֹקֶת.

אִיךְ גֶעדֶענְק מַיינֶע עֶרְשְׁטֶע יָארְן וֶוען אִיךְ בִּין גֶעפָארְן קַיין אוּמַאן, בָּרוּךְ

הַשֵּׁם מַיין וַוייבּ הָאט מִיךְ גֶעלָאזְט פָּארְן, אָבֶּער דִי מִשְׁפָּחָה אַרוּם אוּן אַרוּם אִיז גֶעוֶועןְ גֶעפֶּערְלִיךְ, עֶס אִיז מִיר גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער, וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן? אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען טָאג נָאךְ טָאג נַאכְט נָאךְ נַאכְט - הִתְבּוֹדְדוּת, אִיךְ הָאבּ אַזוֹי גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ גֶעוֵויינְט: "'וְלֹא תְהֵא כֹּהֶנֶת כַּפֶּנְדָּקִית?' רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואס גֵייט דָא פָּאר, פַארְוָואס אִיז דֶער רֶבִּי נִישְׁט וִוי דִי אַלֶע רֶבִּי'לֶעךְ וואוּ מֶען פָּארְט אוּן מֶען גֵייט אוּן קֵיינֶער קְרִיגְט נִישְׁט, קֵיינֶער לַאכְט נִישְׁט, אוּן פְּלוּצְלוּנְג וֶוען מֶען הֶערְט אַז מֶען פָּארְט קַיין אוּמַאן - דְרֵיידְט זִיךְ אִיבֶּער דִי וֶועלְט; אַלֶע לַאכְן, אַלֶע רֶעדְן, אַלֶע קְרִיגְן".

מִיט תְּפִלָּה אוּן הִתְבּוֹדְדוּת אוּן מִיט רֶעדְן שֵׁיין אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל - וֶועסְטוּ אָנְקוּמֶען צוּם רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מֶען דַארְף נִישְׁט מַאכְן קַיין עֵסֶק פוּן דִי קִינְדֶערִישְׁקֵייטְן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת בֹּא, י"ז שׁוֹבָבִי"ם, ב' שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

רֶעד צוּם מְנַהֵל פוּן דַיין זוּן אוּן בֶּעט אִים בְּרַחֲמִים עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג מַאכְן פוּן דִי פְּרָט פוּן דִי קַאפְּל פוּן דַיין זוּן. דֶערְצֵייל אִים, אַז דוּ אַלְס קִינְד הָאסְטוּ אוֹיךְ גֶעהַאט דִי זַאךְ פוּן וֶועלְן הַאלְטְן דִי קַאפְּל הַאלְבְּוֶועגְס שִׁיף. וַוייל אַז עֶר וֶועט רוֹדְפְ'ן דַיין קִינְד וֶועט דַיין קִינְד בַּאקוּמֶען אַ פַּיינְטְשַׁאפְט בִּכְלָל צוּ גֵיין מִיט אַ קַאפְּל.

עֶס אִיז דָא בַּיי טֵייל קִינְדֶער אוּן יוּנְגֶע בָּחוּרִים אַ רֵייץ אוֹיסְצוּקוּקְן בֶּעסֶער, מַעֲשֵׂה נַעֲרוּת; מֶען דַארְף נִישְׁט מַאכְן קַיין עֵסֶק פוּן דֶעם, מֶען דַארְף דֶער עִיקָר אוֹיסְלוֹיבְּן דָאס גוּטְס אוּן נִישְׁט זִיךְ פַארְלֵייגְן אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע זַאכְן.

דֶער עִיקָר דַארְף מֶען אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַ חַיּוּת אוּן אַ

פְרֵיילִיכְקֵייט אִין דִי מִצְוֹת וָואס מֶען טוּט, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי דָאס קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**פְרִישֶׁע מְקוּרָבִים דַארְפְן ווִיסְן אַז בְּרֶסְלֶב אִיז נָאר דִי סְפָרִים**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בֹּא, י״ז שׁוֹבְבִי״ם, ב׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אַנְדֶערֶע אוּן זַייט אַייךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן אַנְדֶערֶע, אַזוֹי אוֹיךְ כַאפְּט נִישְׁט קַיין הִתְפַּעֲלוּת פוּן אַנְדֶערֶע; וֶועט אִיר נִישְׁט הָאבְן קַיין חֲלִישׁוּת הַדַעַת.

פְרִישֶׁע מְקוּרָבִים - וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוּרָב - דַארְפְן גוּט ווִיסְן אַז בְּרֶסְלֶב אִיז נָאר דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי׳ן, אוּן אַז הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז דִי סְפָרִים פוּן מוֹהֲרָא״שׁ; נִישְׁט דֶער אוּן נִישְׁט יֶענֶער. אַזוֹי הָאט מֶען נִישְׁט קַיין בִּלְבּוּלִים, מֶען וֶוערְט נִישְׁט צֶעמִישְׁט - וֶוען דֶער פִירְט זִיךְ נִישְׁט ווִי מֶען דַארְף אוּן וֶוען יֶענֶער רֶעדְט נִישְׁט ווִי מֶען דַארְף, מֶען וֵוייסְט אַז בַּיים רֶבִּי׳ן קוּמֶען אַלֶע סָארְט מֶענְטְשְׁן, אַזוֹי ווִי בַּיים דָאקְטֶער קוּמֶען אַלֶע סָארְט קְרַאנְקֶע.

לֵיינְט דִי בְּרִיוו פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אוּן זוּכְט ווִי אִיר קֶענְט זִיךְ מְחַזֵק זַיין אוּן וֶוערְן נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זוּכְט זִיךְ אוֹיף גוּטֶע חַבֶר׳טֶעס וָואס וֶועלְן אַייךְ בְּרֶענְגֶען נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ כְּלַל בַּיי שָׁלוֹם בַּיִת, מְכַבֵּד זַיין יֶענֶעמְ׳ס עֶלְטֶערְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בֹּא, י״ז שׁוֹבָבִי״ם, ב׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז אִיר זֶענְט גֶעגַאנְגֶען מִיט אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר צוּ אַייעֶר שְׁוֶוער; אַייעֶר מַאן הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט, עֶר הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן ווִי פְרֵיילִיךְ עֶר אִיז אַז אִיר הָאט דָאס גֶעטוּן פַאר אִים, אִיר הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּ גֵיין מִיט אִים צוּ זַיין טַאטֶע, עֶר הָאט מַמָּשׁ אוֹיפְגֶעלֶעבְּט.

אִיר זֶענְט אַ קְלוּגֶע פְרוֹי אַז אִיר הָאט מְוַתֵּר גֶעוֶוען אוֹיף אַייעֶר כָּבוֹד, אֲפִילוּ עֶר הָאט אַייךְ אִין דִי פַארְגַאנְגֶענְהֵייט פַארְשֶׁעמְט אוּן גֶעוָואלְט אָפְּטֵיילְן אַייעֶר מַאן פוּן אַייךְ, דָאךְ הָאט אִיר זִיךְ אַיינְגֶעבּוֹיגְן דֶעם קָאפּ אוּן גֶעטוּן וָואס אִיז רִיכְטִיג. דָאס וַוייזְט אַז אִיר זֶענְט אַ קְלוּגֶע פְרוֹי, וָואס שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יד, א): ״חַכְמוֹת נָשִׁים בָּנְתָה בֵיתָהּ״, אַ קְלוּגֶע פְרוֹי בּוֹיט אוֹיף אִיר הוֹיז.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַייעֶר וֶוייטָאג, אוּן אִיר זֶענְט אֲפִילוּ גֶערֶעכְט אַז אִיר זֶענְט נִישְׁט בַּאקְוֶועם צוּ גֵיין צוּ זַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶוען זֵיי קוּקְן אַייךְ אַרָאפּ, דָאךְ זָאג אִיךְ אַייךְ, אַז אִיר וֶועט יָא גֵיין - וֶועט אַייעֶר מַאן וֶוערְן מֶער אוּן מֶער נֶענְטֶער מִיט אַייךְ, וַוייל דָאס אִיז דֶער כְּלַל בַּיי שָׁלוֹם בַּיִת, וֶוען אֵיינֶער אִיז מְכַבֵּד יֶענֶעמְ׳ס עֶלְטֶערְן - מַאכְט דָאס אַ שְׁטַארְקֶע נָאנְטֶע קֶשֶׁר, אַן אֱמֶתְ׳עֶ קֶשֶׁר אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן.

זָאגְט אַבִּיסְל תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אויב מֶען מַאכְט נִישְׁט קַיין בְּרָכוֹת, קוּמְט פְּחָדִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת בֹּא, י"ז שׁוֹבְבִי"ם, ב' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַז אַ קִינְד דֶערְשְׁטִיקְט זִיךְ אֵיינְמָאל בַּיים זֵייגְן - מֵיינְט נִישְׁט אַז עֶר גֵייט זִיךְ נָאכְאַמָאל דֶערְשְׁטִיקְן, מֶען קֶען נִישְׁט לֶעבְּן אִין שְׁרֶעק אוּן טְרַאכְטְן 'אֶפְשָׁר יֶעצְט גֵייט זִיךְ דֶער קִינְד חַס וְשָׁלוֹם דֶערְשְׁטִיקְן', אוּן אַז אִיר זֶענְט גֶעגַאנְגֶען פְרֶעגְן דֶעם דָאקְטֶער אוּן עֶר זָאגְט אוֹיךְ אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט - אִיז דָאס טַאקֶע גָארְנִישְׁט.

נֶעמְט אַייךְ פָאר צוּ מַאכְן פָאר בְּרָכוֹת אוּן נָאךְ בְּרָכוֹת, וַוייל אויבּ מֶען מַאכְט נִישְׁט קַיין בְּרָכוֹת - קוּמְט פְּחָדִים. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת פַּחַד, סִימָן יד): "מִי שֶׁאֵינוֹ נִזְהָר בְּבִרְכַּת הַנֶּהֱנִין תְּחִלָּה וָסוֹף, פְּחָדִים בָּאִים עָלָיו", וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוָוארְנְט צוּ מַאכְן פָאר בְּרָכוֹת אוּן נָאךְ בְּרָכוֹת - קוּמְט צוּ אִים שְׁרֶעק.

גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועט דֶער לֶעבְּן זַיין אַ גֶעשְׁמַאק; נָאר דֶער וָואס לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה - דֶער הָאט הַנָאָה פוּן דִי לֶעבְּן, וַוייל אָן אֱמוּנָה אִיז דֶער לֶעבְּן אֵיין שְׁטִיק שְׁרֶעק, אֵיין שְׁטִיק אָפְּקוּמֶענִישׁ.

ווּאוֹיל אִיז דֶעם וָואס לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, עֶס אִיז אִים שְׁטֶענְדִיג גוּט.

...

## קוֹיפְן נָאךְ אַ בָּאס פַאר דִי שָׁאטְל אַז דִי פְרוֹיעֶן זָאלְן קֶענֶען גֵיין אוּן קוּמֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת בֹּא, י"ח שׁוֹבְבִי"ם, ג' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, חֲבֵר הַנְהָלָה

אֶפְשָׁר קֶען מֶען מַאכְן עֶס זָאל זַיין בֶּעסֶער צוּגֶעשְׁטֶעלְט דִי טְרַאנְסְפָּארְטֶעיִשְׁן אִין שְׁטֶעטְל? דִי פְרוֹיעֶן רֶעדְן זִיךְ אַזוֹי אָפּ אַז זֵיי הָאבְּן

נִישְׁט קַיין וֶועג צוּ פָארְן אוּן קוּמֶען, זֵיי זֶענֶען אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין שְׁטוּב, נָאכְדֶעם קוּמֶען זֵיי צוּ מִיר פַאר אַ הֶיתֵּר צוּ דְרֵייוְון; אִיז מִיר שׁוֹין עֶנְדֶערְשׁ זֵיי זָאלְן צוּרִיקְגֵיין וואוּינֶען אִין שְׁטָאט וִוי צוּ וואוּינֶען אִין שְׁטֶעטְל אוּן דְרֵייוְון.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז דִי הַנְהָלָה קוּקְט אַלֶץ וִוי מֶען קֶען שְׁפָּארְן גֶעלְט פַאר דִי מוֹסָד אוּן אַזוֹי דַארְף טַאקֶע זַיין, אָבֶער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ וִויכְטִיגֶע זַאכְן - קֶען מֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף גֶעלְט, מֶען דַארְף טוּן וָואס אִיז רִיכְטִיג.

אִיךְ וִויל מֶען זָאל קוֹיפְן נָאךְ אַ בָּאס אוּן אוֹיפְנֶעמֶען נָאךְ אַ דְרֵייוֶוער אַז דִי פְרוֹיעֶן זָאלְן קֶענֶען גֵיין אוּן קוּמֶען, זֵיי זָאלְן נִישְׁט זַיין אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין שְׁטוּב.

אִיךְ דַאנְק דִיר זֵייעֶר פַארְן מִיר הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דִי שְׁטֶעטְל, אִיךְ וֶועל דִיר נִישְׁט שׁוּלְדִיג בְּלַייבְּן.

שְׁטֶעל אַרוֹיס אַ מוֹדָעָה אַז מֶען זוּכְט נָאךְ אַ דְרֵייוֶוער פַאר דִי שָׁאטְל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַיין מִשְׁפָּחָה זָאל נִישְׁט צֶעפַאלְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת בֹּא, י"ח שׁוֹבָבִי"ם, ג' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט פָארְזִיכְטִיג יֶעדֶעס וָוארְט וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט, עֶס אִיז נִישְׁטָא וָואס צוּ טוּן; אַז זִי ווִיל זִיךְ גֶטְ'ן, זִי רֶעדְט נִישְׁט מִיט דִיר אוּן שׁוֹין אַפָּאר יָאר וָואס זִי לֶעבְּט נִישְׁט מִיט דִיר כְּדֶרֶךְ כָּל הָאָרֶץ - אִיז דָאס אַ בִּיטֶערֶע מַעֲשֶׂה. אֵיין זַאךְ אִיז דִיר גֶעבְּלִיבְּן, תְּפִלָּה; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר אוּן דִיר רַאטֶעוֶוען דַיין מִשְׁפָּחָה, עֶס זָאל נִישְׁט צֶעפַאלְן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נְדָרִים צ:) וֶוען אַ פְרוֹי טַעֲנָה'ט בַּיים בֵּית דִין "הַשָּׁמַיִם בֵּינִי לְבֵינְךָ", זִי ווִיל זִיךְ גֶטְ'ן, "יַעֲשׂוּ דֶרֶךְ בַּקָּשָׁה", בֶּעט מֶען אִיר זִי

זָאל דָאס מֶער נִישְׁט טַעְנָה'ן, אָבֶער עֶס אִיז דָא נָאךְ אַ פְּשַׁט, תּוֹסְפוֹת בְּרֶענְגְט בְּשֵׁם רַבֵּינוּ חֲנַנְאֵל, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף תְּפִלָּה: "יְבַקְשׁוּ רַחֲמִים מֵאֵת הַמָּקוֹם", מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "שֶׁיְּהֵא לָהֶם בָּנִים", זֵיי זָאלְן הָאבְּן קִינְדֶער; זֶעט מֶען אַז דָאס אִיז דִי עֵצָה וֶוען דִי פְּרוֹי וִויל אַ גֶט אוּן זִי וִויל נִישְׁט לֶעבְּן כְּדֶרֶךְ כָּל הָאָרֶץ.

וואוֹינְסְט דָאךְ אִין קִרְיַת יוֹאֵל, סָמוּךְ וְנִרְאֶה פוּן צִיּוּן רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ מְסַאטְמֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, גֵיי אַרוֹיף אֵיינְמָאל אַ טָאג, זָאג דָארְט אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם בַּיי דִיר אִין שְׁטוּב. בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס דְרוּקְט דִיר אוֹיפְן הַארְץ, רֶעד אִין אִידִישׁ; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ דַאוֶונֶען, מֶען זָאל מַאכְן אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת, מֶען זָאל שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶער פְּרַיינְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### עֶס דַארְף זַיין אַ גוּטֶע אַטְמָאסְפֶער אִין חֵדֶר, נִישְׁט וִוי אַ פֶּעקְטָארִי

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת בֹּא, י"ח שׁוֹבָבִי"ם, ג' שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵּד בְּקִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ אַזַא הֲנָאָה צוּ הֶערְן אַז עֶס אִיז צוּרִיק דָא לִיבְּשַׁאפְט אִין חֵדֶר אִין שְׁטֶעטְל צְוִוישְׁן דִי מְלַמְּדִים אוּן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע. אִיךְ וֶועל דִיר זָאגְן דֶעם אֱמֶת, דִי סִיבָּה פַארְוָואס אִיךְ הָאבּ אוֹיפְגֶעהֶערְט קוּמֶען צוּ עֶנְק אִיז נָאר צוּלִיבּ דֶעם, אִיךְ קֶען נִישְׁט סוֹבֵל זַיין וֶוען מֶען אִיז אֶחָד בְּפֶה וְאֶחָד בְּלֵב, עֶס עֶקְלְט מִיר, אִיךְ גֵיי נָאר דָארְט וואוּ אִיךְ שְׁפִּיר אַז מֶען הָאט זִיךְ לִיבּ. יֶעצְט אַז דוּ זָאגְסְט מִיר אַז נֶעכְטְן אִיז גֶעוֶוען אַ גוּטֶע לוּפְט אִין חֵדֶר - פְּרֵיי אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר.

איך בעט דיר זייער, "בִּקְהָלָם אַל תֵּחַד כְּבֹדִי" (בְּרֵאשִׁית מט, ו), מִיש נִישְׁט אַריין מַיין נָאמֶען צְווישְׁן די מַחֲלֹקֶת, אִיךְ ווִיל נִישְׁט הָאבְּן צוּטוּן מִיט מַחֲלֹקֶת, איך הָאב צוּגֶעזָאגְט פַאר מוֹהֲרָא"ש אַז אִיךְ וֶועל נִישְׁט הָאבְּן מִיט מַחֲלֹקֶת, אִיךְ ווִיל נָאר לִיבְּשַׁאפְט.

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, עֶס אִיז דָא אַן אוֹיסְדְרוּק: "הִימְל מֶענְטְש", מֶען דְרוּקְט זִיךְ אוֹיס אוֹיף אַ הֶעכֶערֶער סָארְט מֶענְטְש, יֶענֶער אִיז אַ הִימְל מֶענְטְש; וֶוער אִיז טַאקֶע אַ הִימְל מֶענְטְש? דֶער וָואס קֶען זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען מִיט אַ פַּארְקֶערְטֶע נַאטוּר. דִי הִימְל - זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (חֲגִיגָה יב.) - אִיז צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן צְוֵויי פַּארְקֶערְטֶע זַאכְן, פֵייעֶר אוּן וַואסֶער; פֵייעֶר טְרִיקֶנְט אוֹיס וַואסֶער אוּן וַואסֶער לֶעשְׁט פֵייעֶר, אוּן דִי הִימְל אִיז וַואסֶער אוּן פֵייעֶר אִינְאֵיינֶעם, צוּ טוּן דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי אוֹיךְ, דֶער וָואס קֶען לֶעבְּן מִיט אַ פַּארְקֶערְטֶער נַאטוּר - דֶער אִיז אַ הִימְל מֶענְטְש.

אַז מֶען בּוֹיט אַ חֵדֶר; מְלַמְּדִים, מִיט אַ מֶענִידְזְשֶׁער, מִיט אָפִּיס אַרְבֶּעטֶער, בָּאס דְרֵייוֶוערְס, קֶעכֶער, לָאנְטְש רֶבִּי וְכַדוֹמֶה, אוּן אִיךְ הָאב אֵיין וֶועג ווִי צוּ לֶעבְּן, ווִי צוּ רֶעדְן אוּן ווִי אַזוֹי צוּ טְרַאכְטְן, אוּן דָא שְׁטֵייט פַאר מִיר אֵיינֶער וָואס מַאכְט מִיךְ נֶערְוֶועז אוּן טְרַאכְט אַנְדֶערְשׁ, רֶעדְט אַנְדֶערְשׁ אוּן טוּט אַנְדֶערְשׁ, אוּן דָאךְ קֶען אִיךְ מִיט אִים לֶעבְּן - בִּין אִיךְ אַ הִימְל מֶענְטְש.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זֶע דִי מוֹסָד וָואס אִיךְ שְׁטֶעל אוֹיף מִיט בְּלוּט אוּן שְׁוֵייס זָאל נִישְׁט וֶוערְן אַ פֶּעקְטָארִי, עֶס זָאל נִישְׁט פַארְלִירְן דִי הַארְץ, דִי גֶעפִיל; קוּם אִין חֵדֶר מִיט הַארְץ, מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן 'וָואס טוּ אִיךְ? וואוּ גֵיי אִיךְ? צוּ וֶועם קוּם אִיךְ? אִיךְ קוּם לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת, אִיךְ פְּלַאנְץ אֱמוּנָה אוּן מִידוֹת טוֹבוֹת, אִיךְ לֵייג אַרַיין קְדוּשָׁה אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער' - וֶועסְטוּ זִיךְ קֶענֶען אוֹיסְקוּמֶען מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ, נֶעמְט מֶען אַלֶעס אָן גְרִינְגֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בֹּא, י״ח שׁוֹבָבִי״ם, ג׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ קוּמֶען זוּנְטָאג מִיט דַיין בְּנֵי בַּיִת תִּחְיֶ׳; בְּדֶרֶךְ כְּלָל נֶעם אִיךְ אוֹיף זוּנְטָאג נָאכְמִיטָאג, אָבֶּער הֱיוֹת אִיךְ בִּין טָרוּד מִיט זֵייעֶר אַסַאךְ זַאכְן; מִיט דִי יְשִׁיבָה, חֵדֶר, בֵּית פֵּיגָא, וְעוֹד וְעוֹד - קֶען זַיין אַמָאל אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט אוֹיפְנֶעמֶען, אִיז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ זָאלְסְט זִיךְ פַארְבִּינְדְן מִיטְן גַבְּאַי הַכּוֹלֵל מֹשֶׁה אַרְיֵ׳ נֵרוֹ יָאִיר, עֶר אִיז מְסַדֵּר יֶעדֶער זָאל קֶענֶען אָנְקוּמֶען עַל צַד הַיּוֹתֵר טוֹב.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט שִׂמְחָה; אַז מֶען אִיז פְרֵייליךְ אִיז דֶער לֶעבְּן גָאר אַנְדֶערְשׁ, נִישְׁט אַז דִי לֶעבְּן טוּישְׁט זִיךְ, נָאר מֶען נֶעמְט אַלֶעס אָן גְרִינְגֶער. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן כד) שִׂמְחָה אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶעס, שִׂמְחָה הֵיילְט אַלֶעס בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחָנִיּוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### שִׂמְחָה אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶע קְרֶענְק

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בֹּא, י״ח שׁוֹבָבִי״ם, ג׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דוּ הָאסְט דָאס דוּרְךְ גֶערֶעדְט מִיט הָרַב מ. פִּירֶער אוּן עֶר זָאגְט אַז דִי מֶעדֶעצִינֶען זֶענֶען גוּט - זָאלְסְטוּ טוּן וָואס דֶער דָאקְטֶער זָאגְט.

זַיי שְׁטַארְק מִיט תְּפִלָּה, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זַיין גֶעזוּנְט. תְּפִלָּה אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן דִי טֶבַע; אַז דִי טֶבַע זָאגְט וֶוער עֶס הָאט דִי מַחֲלָה פוּן קְרֶאוּנְס וֶועט שׁוֹין לַיידְן אַ גַאנְץ לֶעבְּן, קוּמְט תְּפִלָּה אוּן אִיז מְהַפֵּךְ דִי

טֶבַע, מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּרַחֲמִים וּבְתַחֲנוּנִים עֶר זָאל שִׁיקְן אַ רְפוּאָה אוּן מֶען וֶוערְט גֶעזוּנְט, אַזוֹי אוֹיךְ דוּרְךְ מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים אִיז מֶען מְהַפֵּךְ דִין פַאר רַחֲמִים.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, שִׂמְחָה אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶע קְרֶענְק. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כד): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, "וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ", מֶען זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת נִישְׁט צוּ זַיין דֶערְבִּיטֶערְט, "וְכָל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם", וַוייל אַלֶע מַחְלוֹת אוּן אַלֶע קְרֶענְק קוּמֶען, "כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה", וַוייל מֶען אִיז דֶערְבִּיטֶערְט אוּן נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, "וְגַם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים אָמְרוּ", אֲפִילוּ דִי דָאקְטוֹרִים זָאגְן, "שֶׁכָּל הַמַּחֲלוֹת וְהַחֳלָאִים רָעִים בָּאִים רַק מֵחֲמַת חִסָּרוֹן הַשִּׂמְחָה", אַז אַלֶע מַחְלוֹת קוּמֶען פוּן דִיפְּרֶעסְיֶע אוּן פוּן זַיין נִישְׁט פְרֵיילִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

...

## לָאז אָפּ דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בֹּא, י"ח שׁוֹבָבִ"ים, ג' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

מַאכְסְט מִיךְ זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ ... טֵייעֶרֶער

שְׁטַארְק זִיךְ, גֵיי אָן מִיט לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת. לָאז אָפּ דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים, חַבֵר זִיךְ נָאר מִיט דִי אִינְגֶעלַייט אוּן בָּחוּרִים פוּן הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ. בַּיי עֶנְק אִין בְּנֵי בְּרַק אִיז דָא אַזֶעלְכֶע טֵייעֶרֶע אִינְגֶעלַייט, תְּמִימוּת'דִיגֶע אִינְגֶעלַייט, אִיךְ בֶּעטְ זִיךְ אַזוֹי צוּ זֵיי, מִיט זֵיי זָאלְסְטוּ זִיךְ חַבֵר'ן.

שְׁרַייבּ מִיר יֶעדְן טָאג אַפָּאר וֶוערְטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...